STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11229

IN SHTROM FUN REVOLUTSYON

Mordecai Danzis

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי דאנציס.

אין שטראם פון רעוואלוציאן

(פסיכאָלאָגישער עטיוד)

[illegible]

היברו פאבלישינג קאמפאני,
52-50 עלדרידזש סט., ניו־יאָרק.

יעקב גארדין'ס ווערקע

אין 4 פראכטפאלע בענדער

די בעסטע פון זיינע ראמאנען, סקיצען, רייזע־בילדער, קריטי־קען, סאטירעס, דראמאטישע און פילאזאפישע אבהאנדלונגען און פאנטאסטישע ערצעהלונגען, צוזאמענגעקליעבען און קלאסיפיצירט אונטער דער רעדאקציאן פון מאררים ווינטשעווסקי. דאס איז א זאמלונג פון ווערק וואס ווערט בעטראכט אין דער גאנצער וועלט אלס די העכסטע, שעהנסטע און ערהאבענסטע אין דער אידישער ליטעראטור.

פרייז בלויז 2 דאלאר

(פארטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

269

מרדכי דאנציס.

אין שטראם
∴ פון רעוואלוציאן ∴

(פסיכאָלאָגישער עטיוד)

[illegible] יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

היברו פאבלישינג קאמפאני,
52-50 עלדרידזש סט., ניו־יאָרק.

אן הערן ל. לאנדא (א. וואהלינער)

געווידמעט—

מיט אכטונג

ס. דאנציס.

[illegible] יידישע פּובליקאַטעם
אין פרעסע ארכיוו

אין שטראם פון רעוואלוציאן

(פסיכאלאגישער עטיוד)

פון

מרדכי דאנציס

ווען נאטאשא האט אויפגעעפענט דיא טהיר און זיך וויא אריין גנב'נדיג אריין געשטעקט דעם קאפּ, און לייכט אויף דיא שפּיץ פינגער אריין געגאנגען צוא איסאק ראכמאן אין צימער, איז ער געלעגען מיט האלב פארמאכטע אויגען, האלב דרימלענדיג האלב טראכטענדיג,

געלעגען איז ער מיט'ן געזיכט צוא דער וואנד, מיט הויך פאר־לייגטע הענד איינגראבענדיג דעם קאפּ טיעף אין קישען,

הערענדיג נאטאשאס שטיללע טריט האט ער קוים בעמערק־באר אויסגעדרעהט דעם קאפּ און דורך דיא האלב צוגעשלאסענע ברעמען זיא באטראכט.

נאטאשאס מילד געזיכט מיט דיא רויטע פוללע בעקעלאך וועלכע האבען זיך שארף אפגעשפיגעלט אויף דער צארטער מאר־

מאר הויט, דיא צווייא טיעפענקע חן גריבעלאך וועלכע האבען דעם געזיכט צוגעגעבען א בעזאנדערען רייץ, אירע ווייכע זיידענע בלאנדע לאקען וועלכע האבען זיך אין אונארדענונג צוא ווארפען איבער דיא שולטערין, און זיך געשלענגעלט איבער דעם מאטאוועבלאסען שטערין, איהר ווייסער נאקעטער האלז מיט דיא דינענקע דראבנענקע קנייטשעלאך, איהר פוללע ברוסט וועלכע האט ביי יעדער קלענסטער בעוועגונג געציטערט הינטער דער לייכטער דורכזיכטיגער זוממער קאפטאטשקע האט איהם וויא פארשכורט... אריין געווארפען אין א זיסען האלב־דרימעל... איהם איז געווארען שטיקענד־היים... אשוויים איז ארויסגעטראטען אויפ'ן לייב... אויפ'ן געזיכט און אויפ'ן שטערין... דיא דעקע איז געווארען שווער צום דערטראגען... דאס הארץ האט אן געהויבען צוא קלאפען טיאך, טיאך, טיאך, און אין דיא אויגען האט געשווינדעלט... געשווינדעלט... אללעס איז געווארען וויא מיט ארויך איבערגעצויגען... דאס בלוט האט האסטיג זיך געגאסען איבער דיא אדערין... דיא נערוועען זיינען געוועען וויא סטרונעס אנגעצויגען... און דיא שלייפען האט וויא מיט האמערס געקלאפט און דער גאנצער קערפער האט נערוועז וויא אין פיעבער אויפגעציטערט... אמאדנע מיעדקייט האט אנגעפיללט אלע אברים...

און געגלוסט האט זיך צוא ליעגען אזוי שטונדען־לאנג, און זיך קיינמאל אויף הייבען...

נאטאשא האט אינסטיקטיוו דערפיהלט אז איסאק שלאפט ניט... ער מאכט זיך שלאפענדיג און זעהט זיא גוט...

מיט א האלב־שעהמעוודיגען האלב־כיטרען שמייכעלע איז זיא צום בעט צוגעגאנגען און איהם אן געהויבען צוא וועקען,

פאניטש שטעהט אויף!

איסאק האט זיך געמאכט ניט הערענדיג,

פאניטש שטעהט אויף!

איסאק האט ענדליך געעפענט דיא אויגען זיך מיט א מאהל

וויא פון טיעפען שלאף אויפגעכאפט און זיך בגייט צוגענעצט
וואס ווילסטו נאטאשא?

האט ער פארשלאפען און הייזעריג געפרעגט,

„וואס ווילסטו נאטאשא” האט זיא זיך איהם שמייכלענדיג נאכגעקרימט, נאטאשא וויל אז דער פאניטש זאל אויפשטעהן, ארויף ציהען אויף זיך דיא קליידער, אפטרינקען טהעע און זיך נעמען לעזען א בריעף וועלכען איך האב פאר איהם.

א בריעף? גיב מיר איהם נאטאשא איך וועל איהם אין בעט לעזען,

אבער עס איז שוין שפעט, שוין באלד צוועלף, שוין צייט אויף צו שטעהן האט זיא אויסגעשריען מיט קינדערשען אונגעדולד, און זיך געגעבען אדרעה, און איהר שלאנקער קערפער האט נערוועז אויף געציטערט...

איסאק האט גאר ניט געענטפערט, אפויל זיסער דריעמעל האט נאך אמאל האלב־פארשלאססען זיינע אויגען, דאס בלוט האט שטורמיש געקלאפט... דאס הארץ האט אלץ עפים גענאגט און געשלאגען טיאך, טיאך,

ברר״ר און א לייכטער פראסט איז איהם דורך איבער׳ן לייב...

ער האט אויסגעשטרעקט דיא הענד צוא נאטאשאן און זיא געוואלט אומארמען, זיא האט איהם אווארף געגעבען דעם בריעף אויף דעם בעט און איז געשווינד ארויס פון צימער,

א ליעבע מיידעל דיא נאטאשא האט איסאק געטראכט,

וויא נאטירליך איהר גראציא און שיינהייט איז! און דיא נאהי־ווימעט און דארפי׳שע איינפאכקייט גיבען איהר צוא נאך מעהר רייץ, קוקענדיק אויף איהר אין איהר׳ע גרויסע בלויע אויגען, וועלכע קוקען מיט אזא קינדערשען צוא טרויען אויף גאט׳ס וועלטעל, אין וועלכע שפיגלען אין זיך אזוי טיעף אפ דיא ריינקייט פון דער נשמה... דערמאנט מען זיך אומווילענדיג אן דיא שאטענדיגע ווינשעל גערטנער מיט זילבער לבנה־שטראהלען באשאטענע.

אין דיא ברייטע אונענדליכע סטעפּעס, און פון גאט און לייט פארגעסענע און גרינס פארטרונקענע דערפער פון מאלאראסיא, און גאגאל׳ס אקסאנאס, שעווטשענקא׳ס ארינאס, שווימען ארום פאר דיא אויגען, און שמייכלען חנ׳עוודיג צו.

איסאק וואלט פיעלייכט נאך לאנג געווען געטראכט און גע־חלומ׳ט וועגען נאטאשאן, נור דיא זונן וועלכע האט זיך אלץ ניעדעריגער, נידעריגער, אראפּ געלאזט אויף דעם ברייטען ריינעם הימעל, און געווארמט און געצערטעלט דיא ברודיגע וועגד פון דיא הויכע אומגעלומפּערטע געביידעס האט אריין געדרונגען מיט אגאנצען סנאפּ גאלדענע שטראהלען אין צימער און בעגאסען זיין געזיכט, דאס בעט, דיא ביכער און צעווארפענע פּאפּיערען, דיא קליידער וועלכע האבען זיך ארום־געוואלגערט, און זיך אפּ־שפּיגלענדיג אין אטאץ ריינע וואסער, זיך פארפלאנטערט אין זיינע צוא בארשטענע געדיכטע בלאנדע האר, און געמאכט ווייטער זיגזאגען איבער׳ן וואנט.

ער איז שנעל אראפּ און אנגעצויגען דיא קליידער.

אראפּ געהענדיג פון דעם בעט האט ער געפּיהלט אלייכטען קאפּ־וועהטאג, ער האט זיך שפּעט געלייגט. ער איז אהיים גע־קומען דרייא ביינאכט פון א „סכאדקע״ וועלכע איז געווען וויית, וויית, פון דער שטאט ביים ים.

און איסאק דערמאנט זיך אין דער נעכטיגער „סכאדקע״ און אצופריעדען שמייכעלע שוועבט אויף זיינע ליפּפּען,

שוין לאנג, לאנג, ניט געווען אזא אינטערעסאנטע „סכאדקע״ וויא דיא נעכטיגע מ׳האט פיעל גערעדט דעבאטירט, געווארען אויף א מינוט טויט־שונאים איינער דעם צווייטען, און זיך טאקע באלד איבער געבעטען... זיך ארום גענומען... געקושט... פאר׳ן אוועקגעהן, זיך היים געדריקט דיא הענד,

ער פארטראכט זיך אוויילע, און וויא לעבעדיג שטעהט פאר זיינע אויגען דער נעכטיגער אבענד,

דער שטומער קאלטער הימעל האט געקנייטשט דעם טונ־קעלעם שטערן... זיך געכמורעט און געבייזערט, און געגאסען דראבנע איינעסענדע טרערין, שווארצע געדיכטע צעריסענע שטי־קער וואלקען האבען זיך געאיילט און געטראגען זיך מחנות־ווייס ערגיץ אהין, אין דער פינסטערער וועלט אריין.

און דיא גאנצע וועלט איז וויא פארפלייצט געווארען מיט אמבול חושך, מ׳האט ניט געזעהן קיין הימעל... קיין ערד... הימעל און ערד האבען זיך באהעפט, ארום גענומען... זיך צו־זאמענגעגאסען, געווארען איינס, איין שטיק חושך... האט זיך פארבייא געטראגען אמענש, האט ארוים געבראכען אשיין פון אפענסטער, פון ערגיץ וואו אשפאלט, האט ארויסגעקוקט אשטע־רענדיל פינקלענדיג העל צווישען גאנצע בערגער וואלקען, זיינען זייא באלד פארשוואונדען געווארען, וויא א שטיין וועלכען מען ווארפט אין וואסער, און ער זינקט באלד, און דיא פינסטערניש איז געווארען נאך שטארקער, נאך געדיכטערער.

אט צוטראגען זיך אויף א מינוט און פיללען אן דיא לופט דיא הילכיגע טרוקענע טענער פון דעם וועכטער׳ס באראבאן, און עס דאכט זיך אז עפיס באוועקט זיך אין דער לופט... אימיצער ריהרט זיך... און אז דיא טענער שווימען פון ערגיץ ארוים... פון דער טיפענים, פון אונטער דער ערד... און ווערען באלד פארשלונגען אין דעם ים חושך.

און טויזענדער אויגען קוקען אויף דיר פון דעם חושך וואס רינגעלט דיך ארום, און דיא טויזענדער אויגען היטען דיינע טריט, יעדער בעוועגונג דיינע... און טויזענדער הענד ציהען זיך צו דיר, אט, אט, כאפט דיך אן אהאנד פאר׳ן קארק, און שלעפט דיך, און טראגט דיך, און ווערט מיט דיר פאר־שוואונדען ערגיץ אהין אין דער אונענדליכקייט...

און אומווילענדיג היילסטו, דיא פיס טראגען גיכער, גיכער, הינטער ריגעל אין טהיר... און לאנג האסטו מורא ארוים צוקוקען

אין פענסטער, און לאנג דאכט זיך דיר אז אימיצענס אויגען קוקען אויף דיר, און אימיצענס פינגער קלאפען צוא דיר...

נור דיא אונהיימליכקייט און דער סוד וועלכער איז געווען צוגאסען ארום און ארום, און וואס דיא שווארצע שטומע נאכט האט ענטהאלטען אין זיך, האבען גערייצט זיין פאנטאזיע... אזיסער שוידער... האט אנגעפיללט זיין הארץ, און אין מוח האבען זיך פלוצלונג אנגעהייבען פלאנטערין פאנטאסטישע געשיכטען, מעשות פון שלאנקע יונגע מוטהיגע העלדען, וועלכע שטרייטען איינער געגען טויזענדער... און קעהרען צוריק מיט טריאומפף אהיים, וואו עס ערווארטען זייא שווארץ-לאקיגע דולצינעאס,

און עס האט זיך שטארק, שטארק, געוואלט בעקומען קראפט פון א שמשון הגבור, און זיך שלאגען מוטהיג, טאפפער, און זיעגען, און טריאומפפירען און געפיהלט האט ער זיך יונגער, שטארקער, עפּיס קרעפטיגעס און ערמונטערענדעס האט זיך צוגאסען און צושפרייט איבער'ן גאנצען קערפּער... אויף'ן הארצען איז געווארען גרינג... און אבעהאלטענער פייערעל האט געלויכטען, געווארעמט און געצערטעלט...

ער איז ניט געגאנגען, זיך ניט צוגעריהרט מיט דיא פיס צוא דער ערד, נור געשוועבט, געטראגען זיך אין דער לופטען, און געוואלט האט זיך איהם ארום נעמען דיא גאנצע וועלט, פעסט צודריקען צום הארץ וואס קלאפט אזוי האסטיג הימעל און ערד, אויך דעם וועלכער ווארפט אללע מאל טרוקענע קלעפּ אין דער שווארצער נאכט, און וועמענס טריט קלינגען דומפף אפּ ווייט אין דער גאס,

— נור אט איז דער ים,

פון דער ווייטענס הערען זיך זיינע געוואלדיגע הילכיגע טענער וועלכע רייסען זיך ארוים פון זיין ברוסט, געשטורעמט האט דער ים, אין צארן געברוימט, און געציטערט אין אווילדען פליעסקען,

אין פרעסע ארכיוו

געשליידערט צום הימעל גאנצע בערגער שוימענדע קרעכצענדע כוואליעס, און וויא אפארוואונדעטע צורייצטע טהיער געפאלען אין אונמאכט צוריק צום קאלטען גראניט־ברעג,

און דיא איבערגעשראקענע וואלקען האבען זיך אלץ געאיילט געטראגען זיך משוגענער ווים ערגיץ אהין אין דער וועלט אריין,

און איבער דעם שווארצען אונענדליכען ים, שוועבען און טראגען זיך ארום מחנות, מחנות, סילועטען, און זייא שפארען מיט דיא קעפ אין פארוואלקענטען הימעל, און פלעסקען מיט דיא פים דעם קאכענדיגען צורייצטען ים... און געדאכט האט זיך איהם, אז דאס זיינען פארצייטיגע ריעזען־גייסטער, מיטהעלאגישע מיטאנען, און זייא שוועבען, און טראגען זיך אזויא ארום שוין טויזענדער יאהרען לאנג, און צוריק מיט הונדערטער, טויזענ־דער און מילליאנען יאהרען, ווען דער קאלטער גראניט ברעג איז נאך געווען מיט טויזענד יאהריגע ריעזען בוימער באדעקט, און צווישען זייערע געדיכטע צווייגען זיינען ארום געלאפען אומ־געלומפערטע נאקעטע נפשות, האבען זייא זיך אלץ ארומ־געטראגען איבער דעם צורייצטען ים,

און דאס פרומע פארגעלבטע געזיכט פון דער לבנה האט זיך פון ערגיץ ארוים געקוקט, און מעלאנכאליש גלייכגילטיג ארוים געקוקט פון דיא בערג צעריסענע וואלקענס, און אזויא האט זיא אראפ געקוקט מיט הונדערטער טויזענדער און מילליאנען יאהרען צוריק,

און דער קאלטער שווערער הימעל האט פילאזאפיש־גלייכ־גילטיג, אראפ געקוקט און געגאסען זיינע דראבנע איינעסענדע טרערען,

און געזונגען האט דער ים, טריאומפפירענד געזונגען און ווייט און ברייט האט זיך צוגאסען זיין נצחון ליעד, און ער מיט זיינע חברים, זיינען געשטאנען שטום, אונבעוועגט, וויא פארגליווערט, און זיך איינגעהערט מיט איינגעהאלטענעם

אטעהם מיט קלאפענדע הערצער אין דעם ים'ס שטורם-ליעד

דיא נאכט איז שווארץ

דיא נאכט איז שווארץ

נור ס'קומט, ער קומט דער גרויסער טאג

דער טאג פון גליק, דער טאג פון ליכט.

האט געשריעגען דער ים און געהילכט

און אין הארצען איז עפיס געוואקסען, צושפרייט זיך, דיא הענד האבען זיך מאדנע באוועגט... קאנוואולסיוו זיך געריבען איינער אין דער צווייטער... און זיך נערוועז אין פויסטען צוזאמען געשלאססען...

און פלוצלונג וויא דורך אימיצענס באפעהל האט זיך ארויס געריסען פון צעהענדליגע יונגע ברוסטען,

*) אַטרעטשאָמסיאַ אָט סטאַראַוואָ מיראַ!

און ווייט האט געהילכט, געקלונגען און געריסען זיך, און צוזאמענגעמישט זיך מיט דעם ים'ס מעכטיגען געשרעה, און עס האט זיך געדאכט אז דער ים העלפט מיט און רעוועט,

אַטרעטשאָמסיאַ אָט סטאַראַוואָ מיראַ!

דיא כוואליעס האבען קרעכצענדיג געפליעסקעט און מיט געזונגען צום טאקט,

אַטרעטשאָמסיאַ אָט סטאַראַוואָ מיראַ!

און דיא פארצייטיגע ריעזען גייסטער, זיינען זיך וויא צולאפען, און פארשוואונדען אין דער פינסטערניש פון דער נאכט... און דאס פרומע פארגעלבטע געזיכט פון דער לבנה האט ארויס געקוקט, און פארוואונדערט בעטראכט דיא נייע מענשען... און דער פילאזאפיש-גלייכגילטיגער הימעל האט וויא זיך איינגעהערט אין דעם נייעם ליעד, און זייא האבען אלץ געזונגען מיט צוזאמענגעשלאסענע פויסטען שרעקענדיג אימיצען אין דער פינסטערניש,

*) מיר וועלען זיך בעפרייען פון דער אלטער וועלט

אָטרעמשאָמסיאַ אָט סטאַראַוואָ מיראַ !

און נאכהער דיא היציגע דעבאטען, און איסאקן זשומעט אין דיא אויערין נאך יעצט, סאציאל־דעמאקראטען, אנארכיזם, בונד,

יא, יא, שוין לאנג, לאנג, ניט געוועזן אזא אינטערעסאנטע „סבאדקע״

און יעדעס ווארט וואס איז דארט גערעדט געווארען, יעדע פראגע וועלכע איז ארוים געזאגט געווארען, האט געהאט אין זיך אבעזאנדערע, ניט קיין איינפאכע געוועהנליכע בעדייטונג, עפּיס האט זיך געפיהלט אז מ׳רעדט פון גרוים, ערהאבענס, גיגאנטישעס... אז אין יעדער ווארט ליגט עפּיס אזוינס, פון וועלכע דאס הארץ הייבט אן צוא קלאפּען האסטיגער, און אין דיא אויגען צינדט זיך אן אפייערעל...

און אין דיא אייגענע אויגען, איז מען גרעסער געווארען, העכער געווארען און אויף דעם אייגענעם „איך״ האט מען מיט מעהר אכטונג אן געהייבען צוא קוקען, און דיא פראגען וועלכע פלעגען אזוי אפט מוטשען און רויבען רוהה און כּוח, צוא וואס לעבט מען? וואס איז דער ציעל אין לעבען? און דער גאנצער פריערדיגער פעססעמיזם אויף׳ן לעבען און מענשען, איז ערגיץ פארשוואונדען, צוקראכען זיך, וויא דיא שווארצע בלייערנע וואלקען פאר דיא ערשטע גאלדענע זונען־שטראהלען, וויא דיא פינסטערע נאכט פאר דעם אנקומענדיגען ליכטיגען פריה־מארגען,

און געוואלט האט זיך לעבען! לעבען! לעבען! און שעהן, און רייך, האט דאס לעבען אויסגעזעהן, מיט איהרע פינסטערע בייזע און אפּטמאל גרויזאמע שפּאסען, שעהן מיט איהרע שטורמען און ליעבליכע ווארעמקייט, מיט איהרע בלומען און דערנער וועלכע זיא שפּרייט אוים און ווארפט פאר דיא פים פון איהרע שקלאפען־העריען וועלכע רופען זיך מיט דעם נאמען „מענשען״

יא, לעבען האט זיך געוואלט, אזוי געוואלט...

איסאק האט זיך וויא פון שלאף אויפגעכאפט, זיצענדיג מיט איין שוך אויף דעם פוס, און מיט איינעם אין דער האנד, און געקוקט האלב-בייז האלב-גוטמוטהיג אויף נאטאשאן וועלכע האט אויסגעשאסען ביי זיינע אויערין אין א קלינגענדיגען געלעכטער,

חא! חא! חא! איך שטעה פון א האלבע שטונדע און ווארט דער פאניטש זאל ארויפציהען דעם צווייטען שוך און קען זיך ניט דערווארטען, איך שטעה דא מיט טהעע און צובייס אין האנד, און דער פאניטש זיצט און קוקט וויא פליעגען פליהען אויף דער וואנד,

נאטאשא האט זיך שטארק פארנאנדער געלאכט און איהר קלינגענדיגער חא! חא! האט זיך צוגאסען און אנגעפיללט דאס קליינע צייממער און זיך ווי ארויסגעריסען פון יענער זייט וואנד'

זיא האט אוועק געשטעלט דיא טהעע מיט דעם צובייסען און ארויס געגאנגען, און איסאק האט זיך גענומען טרינקען טהעע און עפענען דעם בריעף,

אקוק געבענדיג אויף דעם קאנווערט וועלכער איז געווען מיט פעט'ס פארפלעקט, האט ער געזעהן אז דער בריעף איז פון דער היים, ער האט דערקענט שלום בער'ס ·דעם „שטאדט שרייבער'ס" גרויסען אלטמאדישען רוסיש, צוא וועלכען דער טאטע פלעגט געהן שרייבען אדרעססען און „פראשעניעס"

מיט וויינינ נייגעריקייט האט ער זיך גענומען דעם בריעף לעזען, דאס ווארט „היים" האט איהם געקלונגען פרעמד און ווילד, ווען איינער פון זיינע באקאנטע פלעגט זיך פאר איהם קלאגען, ער בייבקט אהיים, ער האט שוין לאנג פון זיינע עלטערען קיין בריעף ניט געקראגען, האט ער זיך אויסגעלאכט פון זייא, נאדיר בייגקען אהיים... ווייבערשע נשמות... ווייכע הערציגע... אומעדום איז מיין היים,

*) טאָם אַטשיזנאַ . . . . . .
גדיע ליוביאַט נאַם גדיע ווערִיאַט נאָם.

פלעגט ער פאר זייא דעקלאמירען לערמאנטאוו'ס בעריהמטע געדיכט, נאדיר אהיים . . . און ער פלעגט זעלטען, זעלטען שריי־בען צוא דיא עלטערין.

און דאך דיא ערשטע צייט ווען ער האט נור פארלאזט דיא היים און איז אוועק געפאהרען שטודירען, האט ער זיך קיין פלאץ נים געפונען פון בענקעניש . . . דאס הארץ האט געבענקט און געריסען זיך אהין אין דעם קליינעם שטעדטעלע אריין צוא דיא אלטע ליעבע „טאטע מאמע״

קומענדיג אין דער גרויסער שטאדט אריין, מיט איהר רוי־שענדיגען ים־לעבען, האט ער זיך געפיהלט פרעמד, עלענד, פרעמד זיינען איהם אט דיא אלע מענשען וועלכע לויפען פיל־דערען, און טראגען זיך ערגעץ משוגענער־ווייס מיט פארזארגטע, פארהו'שכ'טע געזיכטער, שטופענדיג, שטויסענדיג איינער דעם צווייטען, וועלענדיג איינער דעם צווייטען איבעריאגען איבער דיא זודיגע גאסען . . .

פרעמד זיינען איהם געווען דיא הויכע אומגעלומפערטע מויערין וועלכע האבען פארריסען דעם קאפ ביז צום הימעל . . . און פארשטעלט דיא זונן מיט זייערע שווארצע רוקענס . . .

פרעמד און קאלט האבען זייא געקוקט אויף איהם, און ער האט זיך געפיללט אזויא קליין, אזויא נידעריג געגען זייא . . . עפעס האבען זייא געדריקט צוגעקוועטשט, וויא א שווערע, שווערע האנד האט זיך אויף איהם ארויפגעלעגט

און געבענקט האט זיך נאך'ן קליינעם שטעדטעלע, וועלכע איז פארזונקען אין אייביגען דרימעל, צוא איהרע קרומע געס־לאך אין וועלכע ס'שפאצירען רחבת'דיג ארום, דיא פילאזאפיש

*) פאטערלאנד איז דארט — . . . . . .
וואו מ'ליעבט אונז און מ'גלויבט אונז.

פארטראכטע ציגען, און להבדיל דיא מענשען מיט שטעקעלאך אין דיא הענד, מיט מיעדע אויסגעלאשענע אויגען פון נאכזוכען „א פארדינסטעל" פון פריה ביז שפעט אין דער נאכט,

עס האט זיך געבענקט נאך דיא, בייא וועלכע ער איז געווען דאס „אויג אין קאפ" נור ביסליכווייס, ביסליכווייס, האט ער אן געהויבען צוא פארגעסען, דאס רוישיגע לעבען האט איהם אין זיך אריין געצויגען... אריין געהאפט...

און מיט דעם גאנצען פייער פון זיין יונגער ניט געריהרטער נשמה האט ער זיך אריין געווארפען אין דעם שטורעמדיגען ים פון נייע אידעען... נייע וועלטען... און נייע האריזאנטען...

און וויא שעהן זיינען געווען דיא וועלטען! פאר׳כשופ׳ט האבען זייא מיט זעהר שיינהייט,

און וויא אנציהענד זיינען געווען דיא האריזאנטען! זייא האבען געפינקעלט, גערופען, און געוואונקען חנ׳ודיג פון דער ווייטען...

דיא ערשטע צייט, האט ער געפיהלט אוועהטאג, עס איז אוועק גענומען געווארען, און פארשוואונדען זיין גייסטיגע רוה, ער האט זיך געפיהלט וויא איינער וועלכער האט עטוואס טהייערעס בייא זיך אין דיא הענד, און פלוצלונג פאלט אויף איהם אן ארויבער און רייסט עס אוועק... ער האלט עס קראמפהאפט צוא, ער שרייט, ער מאכט געוואלדען, נור ס׳העלפט ניט... דער רויבער זיעגט און ווערט פארשוואונדען אין דער פינ־סטערנים פון דער נאכט, און נור זיין בייזער טייפעלשער געלעכ־טער קלינגט אפ משונה־ווילד וייט... וויט...

דאס אלטע... דאס ליעבע... צוא וועלכע ער איז גע־ווען אזוי פעסט צוגעבונדען מיט טויזענדער פעדעם פון זיין גאנצעם פאריגעם לעבען... דאס אלעס וואס ער האט אין זיך אריינגעצויגען פון דער מאמעס מאגערער אויסגעטריקענטער ברוסט... ווען זיא פלעגט אהיים קומען א דערשלאגענע, א פערפרארענע, זיצענדיג דעם גאנצען קאלטען ווינטער־טאג,

אין גראשענדיגען געוועלבעל, ארויסקוקענדיג אין דער טויטער גאס מיט קראנקע פון קעלט טרערענדע אויגען אויף „א צווייערעל״ „לייזונג״.

אין שטוב איז געווען פינסטער... קאלט... שווארצע שאטענ׳ס האבען ארום געשפרונגען, און ארום געבלאנקעט זיך, וויא נשמות פון עלענדע לאנג, לאנג געשטארבענע...

דער פראסט האט אראפ געקוקט פון דיא וואנד, און מאדנע געבלישטשעט אין דער פינסטערנים... און אריין געוואיעט האט דער ווינט, דורך דיא שפאלטען פון דער צעבראכענער טיהר, דורך דיא ערטערוויים אויסגעבראכענע שויבען, און אריין געזונגען אין קוימען עפיס אקברים־ליעד, אליעד פון עלענד, הונגער, נויט, פון א לעבען אהן אפונק פון ליכט... פון א לעבען אהן לעבען... און דיא צובראכענע טהיר שאקלענדיג זיך אויף דער איבער געפוילטער פעטליע האט אימה׳דיג צוגעסקריפעט... און אסקרוך איז דורך איבער׳ן לייב פון דער קאלטער קברים־מעלאדיע,

און ארום געטראגען האט ער זיך דער ווינד איבער דעם פינסטערין שטיבעל, און אויך זיך אריין געכאפט צוא איציקלען הינטער דער צעריסענער קאלדרע וועלכע איז געלעגען אפארבלויטער מיט בריט געעפענטע צושראקענע אויגען, און געקוקט ציטערענדיג וויא א בלאט, אין דער פינסטערנים, זיך געגעבען אווארף, א צאפעל, ביי יעדער שארך, ביי יעדער ריהר, און געווארט, אויף דער מאמעס מאגערער ברוסט,

און אז זיא איז געקומען, איז ער צוגעלאפען, זיא ארום געקלאמערט מיט דיא דארע הענטעליך, און זיך איינגעגראבען דארשטיג וויא אשלאנג מיט דיא דינע בלאסע ציטערנדע ליפען אין דער קראנקער ברוסט, און איינקארטשענדיג זיך פון וועהטאג, איינבויגענדיג זיך און דרייען, האט זיא מיט פארקריצטע ציינער זיא אויסגעריסען ביי איהם...

רבונו של עולם! מיין בלוט זופט ער און צאפט... דער „פרעסער"... רבונו של עולם! איידער אזא לעבען איז בעסער דער טויט... קבע! קבע! קבע! און אדומפפער טרוקענער הוסט האט זיך צוגאסען און פארשלונגען געווארען אין דער פינסטערנים...

דאס אלעס וואס ער האט געהערט אין טאטענ'ס וויינענדיגען גמרא־נגון, ווען ער פלעגט אהיים קומען פון מעריב אפארפינ־סטערטער, איין איינגעבויגענער פון אשווערען אונערטרעגליכען פעקעל... וועלכע ער האט אויף זיך שטיל געטראגען און „אפכאפענדיג" א שטיקעל הערינג מיט ברויט האט ער זיך אוועק געזעצט ביים חלב'נעם ליכטעל איבער דער גמרא...

און געוויינט האט דער טאטע, געציטערט האט דער קלע־מענדער נגון... און זיך צוגאסען, צושפרייט, אויף דיא ווענד... אויף דער סטעליע... אויף אללעס... און פולל מיט געוויין איז געווארען דאס שטיבעל, יעדער ווינקעלע האט געוויינט...

און א גאנצען טאג אזא שטילער, אזא שווייגענדיגער, האט דער טאטע שאקלענדיג זיך איבער דער גמרא געקלאגט פאר אימיצען... געבעטען זיך... און אויסדערצעהלט דאס הארץ... און דער ווינט האט איהם מיטגעהאלפען טענה'ן... אוו דער ציטערדיגער פלאם פונ'ם ליכטעל האבען איהם אויך מיטגע־האלפען... און דיא מאמע כליפענדיג פארשטיקט... ווארגענדיג דעם געוויין וועלכער האט זיך געריסען, האט איינגעגראבען דעם קאפ טיעף אין קישען, און איהר אויסגעטריקענטער קערפער האט אלע מאל אויף געטרייסעלט... אויף געטרייסעלט...

— דאס אלעס וואס ער פלעגט הערען אין דער מאמעס הייזעריגער צעבראכענער וויעג־ליעדעלע, ווען זיא אהונגעריגע האט איהם מאנאטאנע פארשלעפערט מיט „ראזינקעלאך און מאנדלען" און ער האט דעם גאנצען טאג קיין ביסעל טהעע אין מויל ניט געהאט,

וואס ער האט ארויס געטראגען פון דעם איינגען פינסטערין חדר, אין דיא ווינטערדיגע בין השמשות׳ן,

אין דרויסען פאלען שטיקער שנייא, פון דעם קאלטען גרויען היממעל, און הילען איין דאס שטעדטעל אין תכריכים... דיא נאכט קוקט אריין מיט טויזענדער שווארצע אויגען און פאר־זונקען איז דאס חדר אין א'ים חושך... און דיא אכט נפשות׳ליך טוליען זיך איינער צום צווייטען דריקען זיך צונויף צוזמען... דיא יונגע הערצעליך קלאפען טיאך, טיאך, און מען מאכט צוא דיא אויגען, און שטיל מורמלען דיא ליפפעליך פאר זיך שמע ישראל...

נור אט קומט אריין דער רבי, און פרייליכער, הימליבער ווערט אויף דעם הארצען... און ער בעטראכט זייא ליעבליך מיט זיינע גוטענקע קורטזיכטיגע אויגען און זאגט,

זאלען מיר זיך שוין נעמען לערנען קינדערליך? אדער דער־צעהלען אייך א מעשה׳לע?

א מעשה! א מעשה! שרייען אלע אוים מיט אמאל פרייליך, און דער רבי הייבט אן צוא דערצעהלען,

און וואס ווייטער ער דערצעהלט, אלץ טיעפער פארקנייטש זיך זיין ברייטער בלאסער שטערין... אלץ טרויעריגער קוקען דעם רבי׳נ׳ס גוטע אויגען... און איין איינגעהאלטענער געוויין ציטערט אין זיין ווייכער האלב־קרעכצענדיגער שטימע...

און דערצעהלט האט דער רבי, פון אשווערען, ביטערין, צוויא טויזענד־יאהריגען גלות, פון טייכען בלוט, און טייכען טרערען, פון איין ערד אפארפארבטע מיט בלוט, פון קליינע אונשולדיגע קינדער, יונגע לייט און זקנים, און אנשוויגען איז דער רבי געבליבען, ער האט אראפ געלאזט זיין גרויען קאפ אויף דער ברוסט, און זיך פארקוקט ערגיץ אין אזייט...

אשווערע, דריקענדע, שטילקייט האט געהערשט אין חדר, און שווער איז געווארען אויף דיא יונגע הערצעליך, און קליינינקע

הענטעלאך האבען שטיל אפגעווישט דיא טרערין, וועלכע זיינען געשטאנען פארגליווערט וויא פערעליך אויף דיא צארטע בעקעלאך,

און דיא שווארצע נאכט האט אריין געקוקט מיט טויזענדער אויגען, און געדאכט האט זיך ווי זיא האט זיך איינגעהערט אין דעם רעבינס ערצעהלונג... דיא ציטערדיגע שאטענס האבען אויפגעהערט צוא שפרינגען און ארום טאנצען, פארגליווערט זיינען זיי געווארען אויף איין ארט זיך איינהערענדיג,

און וויא אימיצער האט זיך אומגעדרעהט אין חדר, מיט שטילע, שטילע, טריט, ארום געשוועבט אין דער לופט, פאר־זיכטיג מיט עפים געשארכעט... קוים, קוים, מיט פליגעל געפ־לאטערט... און געדאכט האט זיך איציקלען, אז דאס זיינען דיא יונגע נשמה'ליך פון דיא אונשולדיגע גע'הרג'טע קינדער־ליך... און זייא שוועבען ארום אין חדר, און הערען זיך אויך איין, אין דעם רבינס טרויעריגע ערצעהלונג...

און טיעף, טיעף, האבען זיך דעם רבינס מעשה'ליך איינ־געקריצט אין איציקעל'ס נשמה... און טולענדיג זיך ביינאכט צוא דער מאמעס אויסגעוויקטען קערפער, איבער דעקענדיק זיך איבערן קאפ מיט דער לעבערדיגער קאלדרע, האט ער אלץ פאר זיך געזעהן שטעהן ריינע אונשולדיגע קינדערלאך, מיט אפארגליווערטען שרעק, און מיט טרערין פארלאפאנע אויגעליך,

און דיא נאכט אריין קוקענדיג מיט טויזענדע שווארצע אויגען, האט אויך אריין געדרינגען אין זיין נשמה...

און נאכהער דער בית המדרש, דאס זיצען אין דיא לאנגע אונענדליכע ווינטער־נעכט,

אין דרויסען קנאקט דער פראסט... וואיעט דער ווינט, פייפט דער ווייבער, לילית מיט איהר קאמאנדע... קרעכצט דרעהט זיך אין ווילדען טייפעלשען טאנץ... און טרייסעלט דיא אלטע הונדערט יעהרינגע חעיד... און רייסט דעם דאך פון דעם אלטען בית המדרש... אין אימה איז איז דרויסען... אין

דער שווארצער אונענדליכקייט קערט אימיצער וועלטען חוצפהדיג... נור אין גאט׳ס הויז איז שטיל... שטיל... געהיימניספאל שטיל...

שטיל ברענט זיך אין מזרח־ווינקעל דער נר־תמיד... דער ציטערדיגער פלאם, בויגט זיך אויף אזייט, פונקט וויא ער הערט זיך איין אין דער ווינט׳ס וואיען... און טהוט זיך זיינס... און ברענט ווייטער...

און איציקעל בלעטערט דיא גמרא, קלאגט זיך פאר אימיצען, און וויינט אויף זיין יוגענד וועלקט, וועלכע פוילט, און ווערט דערשטיקט צווישען דיא ברודנע וועגד... אויף דער זונן צוא וועלכע ער ציהט זיך, רייסט זיך, איז אזוי נאהענט־ווייט פון איהם...

און דער פלאם פון נר־תמיד, ציטערט, שאקעלט זיך, וויא ער בעדויערט איציקעלען... און לילית דרעהענדיג זיך אין אווילדען קאראהאד טרייסעלט דיא אלטע הונדערט־יאהריגע וועגד... און ער זיצט אלץ און קלאגט זיך...

נור אט קלינגט שוין זיין שטימע אלץ פעסטער און פעסטער... און די שווארצע, גרויסע אויגען, צופלאקערין זיך, און ברענען וויא צווייא הבדלות... און דאס קול קלינגט... קלינגט... וויא זילבערנע גלעקעליך צוגיסען זיך אין האלז, און אזוי פיעל הארציגקייט... אזוי פיעל זיס־נאגענדעס... האט זיך געהערט אין זיין שטימע, און טרערין וויא פערעליך פאלען... פאלען... און עס וויינט זיך אזוי גוט... אזוי הארציג...

איציקעל באדט זיך אין אשטיללען ברייטען ים... זילבער וועללען קושען איהם, און זיין נשמה טונקט זיך הינטער אין א ים זונן־שטראהלען... און ער איז שוין ווייט, ווייט, פון דיא פינסטערע בית־המדרש וועגד, ווייט פון דעם קרומען בלאטיגען געסעל, ווייט פון דעם טאטענס איינגעהוקערטע חורבה, און ער שוועבט שוין ערגיץ דארט, אין דער הויך, צווישען דיא

מילך־בלויע וואלקען ... און טראגט זיך גלייך צום כסא הכבוד ... און דארט באגעגענט איהם, דער גוטער הלל מיט אליעבליך שמייכעלע... דער ערנסט־גוטמוטהיגער רבי עקיבא גלעט איהם ווייך איבערין קאפ... און רבא זעצט איהם אוועק לעבען זיך ...

נאך אפאר יאהר, און די גראבע גמרא ליגט אלץ אפען, נור פון הינטער דעם לעדערנעם טאוועל, קוקט שוין ארוים אקליינענקער דינענקער ביכעלע... מיט קליינע אותיות׳לאך ... און איין אנדער וועלטעל, מיט אנדערע מענשען, ווינקען צוא איציקלען פון דארט... די גאלד־לאקיגע תמר, מיט איהרע בלויע טיפע אויגען וויא דער ריינער הימעל וועלכער קוקט אראפ אויף דעם בארג גלעד... דער שלאנקער אמנון, מיט זיין פאסטוך־פייפעלע, שווינצערט, זינגט וויא די פויגעליך אין וואלד לבנון... זייא שמייכלען צוא איהם, און רופען צוא זיך...

און די טעג פליהען, פליהען, איינער יאגט איבער דעם צווייטען, און יעדער טאג ברייגנט מיט זיך נייע ביכלאך... און יעדער נייע ביכעל בריינגט מיט זיך נייע חלומות... און נייע געפיהלען...

נור אט האט זיך עפים אנגעהויבען צוא רוישען אין געסעל... אידען האבען צווישען זיך געשעפטשעט, אנגערוימט איינער דעם צווייטען א סוד פון וועלכען יענער האט אויף געעפענט אפאר אויגען, און געקוועטשט מיט די פלייצעס...

נאך מעריב, איז דער עולם געבליבען לייגער וויא געוועגליך, און דאס רעדעל ארום ראובן הערש׳ס דעם גביר׳ס אידעם וועלכער האט געהאט דעם „הצפירה" איז פון טאג צוא טאג גרעסער געווארען,

אין דער לופט האבען זיך אן געהויבען ארום צוטראגען נייע ווערטער, נייע נעמען באזעל ... דאקטאר הערצעל ... קאנגרעס... שקלים... און איציקעל האט אינגאנצען זיך שוין איבערגעטראגען אהין צום כותל מערבי... צום שטילען ירדנ׳ס

ברעג... צוא דיא גאלדענע פעלדער פון כרמל און שרון...

און טעג פליהען... פליהען... איינער יאגט איבער דעם צווייטען, און נייע טעג ברייגען נייע ביבלאך... און נייע ביבלאך ברייגען נייע וועלטען...

און דער ווייל האט עם מיט איהם גענעבען אשליידער פון דעם בלאטיגען געסעל אין זודיגען ים אריין... און דער ים ווארפט... שליידערט... שטורעמט נצחונ׳דיג דרעהענדיג אלעס אין א ווילדען קאכעדיגען פליסקען... צושמעטערעדיג אללעס וואס פארצאמט דעם וועג...

און דער שטורם רייסט אוועק פון איין ברעג... און טראגט ניט צוא, צום צווייטען...

און פון יאהרען איינגעהאלטענע כוחות ברעכען אוים... רעוואלטירען... דיא מיט עקספלאדירענדע שטאפען אנגעלא־דענע לופט, צודרייסט זיך, און ברעכט אוים אין אווילדען שטורם... און דער שטורם דרעהט מיט איהם כאפט איהם הינטער... און מיט אווילדען אימפעט טראגט, טראגט,

און דער שטורם פארשכורט... בעטויבט... און אשטראם פון נייע, פרישע, כוחות גיסט זיך אין הארץ... פליסט אין דיא אדערין... אין יעדער נערוו, יעדער קנייטשעלע פון דער נשמה, איז פולל מיט עטוואס פרישעס, אויפלעבענדעס... ערקוויקענדעס...

און אט אין דער צייט, האט דאס אלטע... ליעבע... און נאהענטע... אנגעווארען זיין וויכטיגקייט... זיין בעדייטונג און פריהלונגס־חן...

און דער מאנטעל פון פאעזיע, אין הימעלשען טרוים, אין וועלכען דאס אלטע איז געווען איינגעוויקעלט, איז פון אימיצענס אכזרישע האנד הערונטער געריסען געווארען...

און דאן האט דער דאמאלסטיגער „איציקעל” און דער יעצ־ט׳גער „איסאק” איבערגעלעבט, דעם שווערסטען מאמענט אין

זיין לעבען . . . אקאמפּף וועלכער האט איהם פיעל , פיעל , געקאסט . . .

עס איז איהם געווען שווער זעהר שווער , צוטרעטען מיט די פיס , דאס וואס ער האט יאהרען־לאנג געהאלטען , פאר טהייער און הייליג . . . פאר וועלכען ער האט געקניעט און געבעטען . . .

אפטמאל פלעגט איהם עפּיס אומווילנדיג אציה טהון . . . עפּיס האט איהם געדריקט . . . געקלעמט . . . געפּעהלט . . . און אריין טראכטענדיג זיך טיעף אין זיין ניי אויף־געבויעטע וועלטעל . . . האט ער צוא זיין גרויסען שרעק בעמערקט אז ניט אלעס איז כשורה . . . ניט אלעס איז סימעטריש געבויעט און אין ארדנונג . . . דא איז אלאך . . . דארט איז ארים . . . דא בלאזט אריין דער ווינט . . . און דא גיסט אריין דער רעגען . . .

נורן צוא דעם אלעמען האט ער וויא פיעל אנדערע געהאט ארפואה , יעדער לאך , האט מען פארשטעקט מיט אנייגעבאקענער בראשורע . . . יעדער רים האט מען פארנייעט מיט פרישע צא־פעלדיגע שמות . . . און ווייטער געלעבט . . . געארבייט . . . מיט הארץ , מיט היץ , מיט קאפּ , מיט'ן פייער פון דער יונגער , הייסער דארשטיגער נשמה , וועלכע שטרעבט , בייגקט , און זוכט עפּיס . . .

און דאמאלסט פלעגען זיין זיינע מינוטען , ווען ער פלעגט ווער־רען אין כעס אויף זיך און אויף דער גאנצער וועלט . . . און געקריצט מיט די ציין , און צוזאמענגעלייגט איין אויפגערעג־טער די פויסטען . . .

און וויא דער אמאליגער „ווילדער“ וועלכער האט אנגעווארען זיין גלויבען , און צוטרויען צוא די „געטשקעס“ און ער פלעגט זייא צובּרעכען , און אוועקשליידערין , אזוי האט איסאק אויך צושמעטערט און אוועק געשליידער זיינע „אלטעגעטשקעס“ וועל־כע ער האט מיט זיך פון דער היים געבראכט . . .

און אזוי זיינען פערגאנגען וואכען, מאנהאטען, יאהרען,
איסאק איז געשוואומען אין רווישיגען ים, ארום שטעלענדיג שטאלץ דיא ברוסט געגען יעדער כוואליע, אפארשכורטער פון ווילדען קרעכצענדען שטורם... און דארט אין דער היים, איז דער אלטער טאטע, געגאנגען אין דער פריה און פארנאכט דאווענען, און אלץ מעהרער, מעהרער זיך געקלאגט זיצענדיג פאר דער גמרא... און אלץ שווערער, שווערער, געקרעכצעט אויף דעם גלות וועלכער ווערט פון טאג צוא טאג גרעסער און ביטערער, אויף דער פרנסה וועלכע איז געווארען ממש כקריעת ים סוף, און אויף איציקלען וועלכער לאזט פון זיך ניט הערען, און ווער ווייסט וואו ער איז דארט,
און ווען איסאק פלעגט איבערלעבען שווערע, ביטערע מינוטען, דער ספק האט געטאטשעט וויא אווארעם אן אויפהער... און וויא אשפין אנגעפאנגען ביסלאכוויים צוא וועבען זיין נעץ... און פארסמ׳ען דיא בלוט, פרירען דיא געפיהלען...
און לויפען פלעגט זיך וועלען, לויפען... לויפען... ארויף פאלען דיא אלטע קראנקע „טאטע מאמע" אויף׳ן האלז... ארום נעמען דיא אלע יודעליך מיט דיא מיעדע אויסגעלאשענע אויגען, מיט דיא שטעקעלאך אין דיא הענד, און שרייען צוא זייא איך בין אייערער! אייערער! אייערער!
דאמאלסט פלעגט דיא טאטע מאמע, אפטמאל זיך אוועק זעצען, פארזארגטע, דערשלאגענע, מיט אטיעף־בעהאלטענעם וועהטאג אין הארצען, פארגעסען אן אונז איציקעל... פארגע־סען... כאטש אבריוועלע אמאל שרייבען... רבונו של עולם! אפילו קיין קדיש ניט האבען איבער הונדערט יאהר... און אשווערער זיפץ האט זיך פארלוירען אין פינסטערניש פון׳ם שטיבעל... און דיא גריל אויף׳ן אויווען האט וויא אדומפפער עכא הייזעריג און צעבראכען נאכגעגרילצט פארגעסען אן אונז איציקעל... פארגעסען...

נור ניט וועגען טאטען וועלכער קרעכצעט נאך אקדיש און ניט וועגען דער מאמען וועלכע וויינט זיך אויס דיא אויגען, וועט איסאק אפפערין זיין טהייערע צייט, וועלכע ער פארמאגט אזוי ווייניג,

און דיא ארבייט איז אזוי פיעל... אזוי פיעל... פון טאג צוא טאג ווערט זיא גרעסער און פארמעהרט זיך... און אפטד מאל איז קיין צייט נישטא צוא עסען, צוא שלאפען, ארום און ארום, זידט אזוי! קאכט אזוי! און דער שטורעמדיגער ים הויבט אלץ הינטער... איבער דיא קעפ דונערט... צוררייסט זיך עפים אין א ווילדען קראכען... דיא ערד וואקעלט זיך... ציטערט... הונדערטער וואולקאנען שפייען פון זיך אויס גאנצע ימים פייער... אלעס איז פארטרונקען אין דעם בלוט רויטען ים... און דיא בלוט רויטע כוואליעס טראגען ווייטער... ווייטער...

נור וויא איינער וועלכער לויפט, טראגט זיך גאנצע שטונד דען וויא אוויכער משוגענער וויים... אפארשכורטער פון אייגענעם לויפען... און א צווייטער כאפט איהם פלוצלינג אן בייא דער האנד, און שטעלט איהם אפ, אזוי האט "אימיצער" אפגעשטעלט איסאק'ן... און אלץ אפטער, און אפטער אין מיטען לויפען און טראגען זיך, איהם אנגעכאפט בייא דער האנד...

נור דער „איינער" האט איינגערעדט דעם צווייטען וועלכער האט ליעב געהאט זיך אפצושטעלען... זיך גריבלען... און חקרנין... אז ער וויים וואס ער טהוט... און וואהין ער לויפט... אז זיינע פים טראגען איהם אהין, פון וואנען דיא זונן שמייכעלט און צערטעלט... און גיסט גאנצע שטראמען גאלדענע שטראהד לען... אז נעהענטער נעהענטער איז צוא דער זונן... נור דיא האנד בעסער אוישטרעקען... וועט מען זיא אראפ רייסען פון דעם הימעל...

און וואס מעהר דער ערשטער האט אפגעהאלטען דעם צווייטען און וואס מעהר ער האט זיך געחקרנט... און

געפרעגט קשיות... אלץ מיט מעהר היץ, מיט מעהר פייער, האט ער זיך איבערגעגעבען דער הייליגער ארבייט... אלץ מעכטיגער האט געקלונגען און צוגאסען זיך זיין שטימע צום קאמפף! צום הייליגען קאמפף!

און דיא ארבייט האט זיך אלץ פארמעהרט... פארגרעסערט...

איסאק האט געלעזען דעם בריעף צווישען פארשידענע נייסען וויא למשל חייקעלע זיין עלטערע שוועסטער ליגט אין קינדבעט און איז קראנק... איוואן דעם סטארעסטעס זוהן וויל ניט אפגעבען דיא פערציג קערבליך חוב, חייקעלעס מאן האט אן געווארען זיין „קנעלעכץ" ווארום ער איז קראנק, און שפייעט מיט בלוט, דיא אלטע קוה איז גע'פגר'ט, דער מאמעס ראיה ווערט שלעכטער פון טאג צוא טאג, און משה דער רופא האט געזאגט אז אויב מען וועט זיא ניט שיקען קיין קיעב, און פאר־כאפען מיט איין אפעראציע וועט זיא אין גאנצען בלינד ווערען... האט דער טאטע איהם פאלגענדעס געשריבען,

צוא לעצט קום איך דיר מודיע זיין מיין ליעבער זוהן, אז אחוץ דעם וואס דיא פרנסה במקומנו איז בעתים הללו אזוי אויך געשלאגען, און מ'געהט אוים פאר הונגער ד' ירחם... זיינען דיא ארבייטער פון נאוואסעליצער סטאנציע אנגעפאהלען אויף אונזער שטעדטעל צעשלאגען דעם מאנאפאל, און זיך גענומען ראבעווען, שלאגען, קוילען אהן רחמנות, און עס איז גאר אין לשער וואס בייא אונז האט זיך אפגעטהאן, דרייסיג זיינען נהרג געווארען על קדוש השם, אחוץ צוויי־הונדערט פארוואונדערטע, כמעט אלע זיינען געבליבען אין איין העמד, הינטער דעם פרייען הימעל, און דער ווינטער שטעהט הינטער דיא פלייצעס, עס וועט אוים קומען ממש צושטארבען פאר הונגער און קעלט איך מיט דיין מאמען זוגתי דבורה ת׳ ובתי חייקעלע מיט איהר מאן דיין שוואגער אברהם שלום, האבען זיך קוים געראטעוועט,

און בדרך נס פון טוידט נצול געווארען, מיר זיינען געלעגען צוויא טעג אין דעם אויסגעטריקענטען ברונען וועלכער שטעהט ניט ווייט פון'ם בית המדרש דוא געדיינקסט נאך אודאי דעם אלטען ברונען? — און דאס געוועלבעל אונזער'ם האט מען אויך צעראבעוועט, מילא וואס איך בין אין איין העמד געבליבען, איז גאט אפאטער, און בתוך כלל ישראל וועט ער אין מיר אויך ניט פארגעסען, נור דיא סחורה איז געוועזן ניט מיינע, גאט'ס און פרעמד'ס, און אויף דעם טהוט מיר מיין הארץ וועה, נור וואס זאל מען טהאן? מן הסתם איז עס הגזר מן השמים, און מען דארף דיא יסורים מקבל זיין באהבה, א. ז. וו.

— איסאק האט אפאר מאל איבערגעלעזען דיא עטליכע קרומע שורות, ער האט גאר ניט פארשטאנען... עפים האבען פאר זיינע אויגען געשוועבט צעריסענע ווערטער, צעגלידערטע שורות, איינצעלנע בוכשטאבען... און ער האט זייא פאר קיין פאל ניט געקענט צוזאמענבינדען אין איינעם...

ברונען... דרייסיג הרוגים... נאוואסעליצער ארבייטער... האט זיך פאר איהם געטראגען, און מאדנע זיך געדרעהט און פארפלאנטערט...

— און אללעס איז געוועזן וויא מיט אטומאן איינגעהילט... דער מח האט זיך אנגעשטריינגט...? דער ווייסער שטערין האט זיך פארקנייטשט... מיעף פארקנייטשט און דיא ברייט־געעפפענטע אויגען האבען געזוכט... געזוכט... און אימיצער האט הייזעריג שלאנגיש געשעפטשעט, און געסקריפעט אין דיא אויערין,

— אבריוועלע האסטו געלעזען... לפנים... פאר מענשען הייסט עס... דער טאטע איז אריין געגאנגען מיט'ן לעצטען „פיערער" צוא חיה דבורה דיא קרעמערקע... און זיא האט איהם ארוים געשלעפט פון ערגיץ אקעסטעלע אפארפלעקטען קאנווערט... מיט אבויגעלע פאפיר... און אהיים קומענדיג

אריין געגאסען א ביסעלע וואסער אין פארטריקענטען טינטע־ריל... און זיך גענומען שרייבען... „צוקען" קליינענקע דראב־נענקע אותיות'ליך...

ניין! אראפגעריסען האט דער טאטע אשטיק הויט פון זיך... און איינגעטונקען דיא פען, און געשריבען צוא דיר... און אשטיק בלוט וועלכע ער האט ארויס געבראקעט פון זיין צעבראכענע ברוסט, האט ער צוגעגאסען אין טינטעריל אריין און געשריבען און געקרעכצט... געשריבען און געקרעכצט... און פלעקען זעהסטו... פלעקען... דאס איז דיין קראנקען טאטענ'ס טרערין... געוויינט האט דיין אלטער טאטע... געוויינט, פון דיא מידע האלב־טוידטע אויגען האבען געראנען טרערין... געראנען... זיך פארהאלטען אין דיא שארפע קנייטשען פון געזיכט... פארפלאנטערט זיך צווישען דער בארד... און פון דארטען געקאפעט טרערין וויים... טרערין וויים... אויף דיין בריעף...

און דיא אויגען האבען געזוכט... געזוכט... נור וויא װערענדיג מיעד צוא דענקען און צוא זוכען, זיינען איסאק'ס אויגען, וויא מיט א טומאן געווארען איבערגעצויגען... ער האט זייא פעסט צוזאמענגעשלאסען, און פאר איהם, האבען אנגע־הויבען ארום טאנצען פינטעליך רויטע... בלויע... געלבע... און משונה־ווילד הנאה האט ער געהאט, קוקענדיג אויף דיא טאנצענדיגע פינטעליך...

ער האט פארנאנדער געעפענט דיא אויגען, דער בריעף איז געלעגען פאר איהם,

און פלוצלונג האט אמאדנע גלייכגילטיקייט צוא דעם אלי־מען וואס ער האט געלעזען אנגעפיללט זיין הארץ, ווער מיר הרוגים... פאגראם... אנייעס אביסעל אפאגראם... וואו איז היינט ניט קיין פאגראם? מיט וואס איז ב. בעסער פון ק. פון א.? אין געגענטהייל, ק. צוא א. איז א גרויסע שטאדט, מיט גרויסע

גבירים איז געווען וואס צוא ראבעווען, אבער אין ב. וואס איז געיווען אוועק צונעמען?

דאס וואס ארבייטער האבען איינטהייל גענומען איז יא אביסעל אונאנגענעהם... דאס קען שאדען דער בעוועגונג... לייטישע מיילער וועלען האבען וואס צוא ריידען... אויפצוא ווארפען... אבער דרייסיג הרוגים! וואס פאר אווערט האבען זייא געגען דיא הונדערטער קרבנות וועלכע זיינען שוין געפאלען און דארפען ערשט פאלען?

אפפער אין צייט פון קאמפף... ווען אויף קברים פון אלטען... און פארשימעלטען... קומען צוגעהן נייע מענ־שען... מיט נייע נערווען און נייע מוסקולען... און בויען אוים א נייען ריעזיגען טעמפעל... מיט אפונדאמענט פון שטאל... ווענט פון אייזען... און דיא אייביג־ליכטענדע זונן וועט אריין קוקען דורך דעם קריסטאלענעם קופאל... און באגילדען און צערטלען דיא דענקמאלע פון אט דיא אללע אפפער וועלכע זיינען געפאלען אין קאמפף... אין הייליגען קאמפף!

אפפער אין צייט פון קאמפף... דאס איז דאך אזוי נאטירליך... אזוי נויטווענדיג... און הערענדיג צוא לעזענדיג אמאל, וויא איינינע קלאגען זיך און וויינען אויף דיא פיעלע קרבנות וועלכע דיא לעצטע צייט האט בייא אונז אוועק גענומען... אויף דיא יונגע פרישע קברים וועלכע פאר־שפרייטען יעדע שטאדט און שטעדטעל... אויף דיא טעג פון מיטעלאלטער וועלכע האבען זיך מיט אללע זייערע תליות, און אוטא־דא־פעס, זיך נאך אמאל אומגעקערט, פארשטעהט ער עס ניט, מאדנע מענשען טראכט ער צוא זיך, אט דאס איז דאך אונזער שטאלץ... אונזער עהרע... טויזענדער יאהרען האט מען אונז געהאלטען פאר פייגלינגע... פאר טרוסען... וועלכע שרעקען זיך פאר יעדער געשרעה פון

אכלאפ, וועלכע בוויגען זיך, קניען און קושען דיא הענד פון יעדער שכור'ן פריץ... און קריכען אויף אללע פיער און זינגען מה יפית... און יעצט ווייסט דיא גאנצע וועלט וואס מיר קענען! יא, מיר זיינען קעמפפער יא, יא, קעמפ־פער... נור ניט קיין אמאליגע חשמונאים און בר כוכבה'ס וועלכע האבען געקעמפפט פאר דער בעפרייהונג פון זייער אייגען ווינקעלע... און פאר דעם גליק פון „אהייפעלע מענשען״

ניין! מיר ווילען בעפרייען דיא גאנצע פארשקלאפטע מענ־שהייט, מיר... מיר... און ניט אומזיסט רופט מען אונז דער „אוואנגארד פון דער רעוואלוציאן״ און בייא די ווערטער ״אוואנגארד פון דער רעוואלוציאן״ האט זיך אצופרידענער שמייכעלע צוגאסען איבער זיין געזיכט.

ער הייבט אויף זיין קאפ אויף אויילע און קוקט זיך ארום.

אין חדר איז שטיל... שטיל... נור אפליעג זשוזשעט און פליהט איבער'ן פענסטער, און אהייזעריגער דומפפער טיק־טאק טראגט זיך ערגיץ פון אווינקעל און קלינגט מאדנע־הילכיג אפ.

נור אט הערט זיך פון גאס אגערויש, און צוזאמען מיט דעם גערויש טראגט זיך אווילדער הו־הא.

פאניטש! פאניטש! לויפט אריין נאטאשא מיט א געשרעה, קוקט ארוים אין פענסטער „אדעמאנסטראציע געהט״ דיא ארבייטער פון ניקיטין'ס פאבריק סטרייקען.

— איסאק בייגט ארוים זיין קאפ פון פענסטער, און קוקט ארוים.

איבער דער גאס געהט לאנגזאם, מיט שווערע געמאסטענע טריט, אגעדיכטע גרויסע מאססע, פארשוויצטע ערנסטע געזיכ־טער... טיעף־געקניטשטע שטערנס... און טויזענדער אויגען וועלכע קוקען ערגיץ אהין אין דער ווייט, צום בלויען האריזאנט.

דער רײנער יונגער הימעל קוקט אראפ ערנסט־פארוואונ־דערט אויף דער „גרויער מאססע" און עפּיס פיהלט זיך אקראפּט, אגעוואלדיגע קראפט, אקראפט וואס קיינער איז אים שטאנד צוא צוברעכען און בייקומען, אין דיא שווערע הילכיגע־טריט,

און א ווילען א אייזערנער ווילען קוקט ארויס פון דיא ערנסטע אויגען וועלכע קוקען צום הארי‌זאנט א ווילען וועלכער וועט זיך פאר קיין קראפט אין דער וועלט ניט בויגען,

און א סוד, א טיעף־פארבארגענער סוד, האבען אין זיך ענט־האלטען דיא פעסט צוזאמענגעשלאסענע ליפּפען אין דיא פאר־זארגטע שטערענס... א סוד וועלכער וועט אויף טרייסלען מויערין און בערג... אויפציטערין דיא וועלט...

אט געהן זייא דיא בעפרייער פון דער ליידענדער מענשהייט, א נייער מעכטיגער חיל טרעט ארויס, האט איסאק זיך געטראכט און זיין הארץ האט מיט פרייד געקלאפּט,

דיא אויגען לייכטען מיט בעגייסטערונג, אין הארצען פעס־טער אייזערנער מוהט; דער ווילען, דער יאהר־הונדערטער לאנג דרימלענדער ווילען, שטארק וויא שטאל, ערפילט מיט האס, מיט הייליגען צארן,

ער קוקט זיך טיעפער איין אין דער געדיכטער מאססע, אגאנצער וואלד פארשידען־פארביגע היטלען, ארבייטער העמ־דילך שוועבען פאר דיא אויגען און אין פיעלע בלאסע געזיכ־טער, שווארצע בלישטשענדע אויגען האט איסאק אינסטיקטיוו דערקענט יודישע ארבייטער, אין דאס הארץ האט האסטיגער אן געהויבען צוא קלאפּען און זיך געהויבען פון פרייד,

יא, יא, „זייא" געהן אויך מיט, „זייא" וועלכע האבען פריהער געקענט וויא שטומע לעמער שטרעקען דעם האלז... מיט א „שמע ישראל" פראטעסט געהן אויף דיא שאטער־הויפענס... בעהאלטען זיך אין דיא לעכער, אויף דיא ביידעמ׳ס אין דיא קעלער׳ס... געהן יעצט צוזאמען מיט אלע אונטערדריקטע

אין דער מלחמה געגען יעדע שקלאפעריי, געגען יעדער פינ־סטערער מאכט וואס רויבט און מאכט דאס לעבען פאר אלאנגע קייט פון עלענד און פון יאמער, ער געהט, דיא זינדיגע מיט בלוט־פארגאסענע ערד ציטערט הינטער זיינע פיס... עס גלענצט אין זיינע אייזערנע פארמאזאליעטע הענד דיא שארפע שווערד, ער געהט אלץ וויטער אויף דעם וועג פון אלגעמיינער פריהייט, און אלגעמיינעם גליק, ער געהט דער גרויסער נייער גבור — דער ארבייטער קלאס, און דיא פארעקשנ'טע קנייטשען פון יעדעס שטערין װעלען זיך אויס־גלייכען...

יא, יא, זיא וואקעלט זיך שוין דיא זינדיגע ערד,

אמאדנע געפיהל האט אנגעפילט זיין הארץ, עפיס האט זיך געדרעהט אין קאפ, געשווינדעלט פאר דיא אויגען, און געוואלט האט זיך ארויס שפרינגען פון דעם פענסטער אויף דער גאס אין זיך צוזאמענגיסען מיט דער מענשליכער וואנד,

ער איז געשטאנען און האט געקוקט, דיא אפענע געוועלבעל אין גאס זענען וויא דורך אימיצענס באפעהל באלד פארשלא־סען געווארען, בלייבע איבער־געשראקענע געזיכטער האבען ארויס געקוקט דורך דיא האלב־געעפענטע פענסטער און טהירען,

אין פראנט פון דער מאססע האט אהויכער ברייטביינער־דיגער יונג אין א לייכטער בלויער בלוזע מיט א גאנצען וואלד בלאנדע האר אויף'ן הויך־געהויבענעם קאפ געטראגען א רויטע פאהן, דיא פאהן איז נאך געווען נייא, וויא עס צייגט אויס האט מען זיא ניט לאנג געמאכט נור וואס פון דער נאדעל ארויס... און געטראגען האט זיא דער יונג אין דער בלויער בלוזע, פעסט צודריקענדיג דעם הילצערנעם שטעקען צום הארץ, און געשמייכעלט פאר זיך,

ביי דער זייט ניט וויט פון איהם איז געגאנגען אדער

ריכטיגער געזאגט, געשוועבט א מיידעל פון איאהר אכצעהן פון מיטלען וואוקס, איהר הוט איז געווען פארדוקט אויף דעם פארשוויצטען שטערין, דיא גרויסע שווארצע טיעפע אויגען מיט דיא סאמעטענע ברעמען האבען געלויכטען, געשפריצט פונקען... און איהר אויפגערעגט צארט געזיכט האט געשפיעלט אפייעריל... און געפלאמט... אין דער האנד האט זיא געטראגען א ביכעל,

בערטא! בערטא! האט איסאק צוא איהר ארויס געשריען פון פענסטער, ארויס בויגענדיג זיך מיט דעם גאנצען קערפער,

בערטא האט זיך אום געקוקט אפאר מאל און בעמערקענדיג איסאקן האט זיא צוא איהם גוטמוטהיג אשמייכעל געטהון און געגאנגען ווייטער און זיך אויסדרעהנדיג נאך אמאל, עפיס אמאך געטהון מיט דער האנד,

דיא מאססע האט זיך פארדרעהט אין א גאס און פארשוואונדען פון דיא אויגען נור דיא וואלקענ'ס שטויב וועלכע האבען זיך געטראגען אין דער לופט, און דער הילכיגער אפקלאנג פון טויזענדער פיס האבען דערצעהלט אז ערגיץ געהן מענשען...

אין צימער איז ווייטער געווארען שטיל וויא אין אקבר, אין דער איין טעניגער טיק־טאק האט זיך אלץ ערגיץ פון אווינקעל געטראגען...

אין א האלבע שטונדע ארום איז אריין בערטא, איהר געזיכט האט געפלאמט, און איהר גאנצער שלאנקער קערפער האט פון אנערוועזער אויפרעגונג אויפגעציטערט,

אזא פארברעכען! אזא עולה! צווינגען ארבייטער צוא ארבייטען צעהן אן אלב שטונדען! וועניג איז זייא דיא בלוטצאפערס ניין שטונדען! נור זייא וועלען שוין...

און איך האב ערהאלטען פון מיינע עלטערין א בריעף אז בייא אונז אין שטעדטעל איז געווען אפאגראם האט איהר איסאק איבער געשלאגען דיא רייד,

אפאגראם!

און בערטאס גרויסע שווארצע אויגען האבען וויא דערשראָ־קען געקוקט אויף איהם און מיט אוואלקען פארצויגען געווארען.

ארימע יודען, ארימעס פאלק,

און פון וואראנעזשער גובערניע קומען אלץ אן ידיעות אז דיא מוזשיקעס שטארבען פון הונגער... און דיא חלי־רע פאר־שפרייט זיך צווישען זייא...

בערטאס קאפ האט טרויעריג געזונקען אין אשווערע דריקענדע שטימונג האט געהערשט עטליכע מינוט...

מיין ארעם אונגליקליך פאלק! ווען וועט שוין נעמען א ענדע צוא דיינע ליידען? ווען?

און איהרע מיט טרויער פארצויגענע אויגען האבען געקוקט אין פינסטערן ווינקעל פון וואנען דער איין טעניגער טיק־טאק האט זיך געטראגען — וויא זוכענדיג דארט א ענטפער אויף איהר פראגע,

א! ציטערט טיראנען!

האט זיא פלוצלונג מיט פייער אויסגעשריגען און האסטיג אויפגעשפרונגען

דאס פאלק ערוואכט! יא עס ערוואכט!

און דיא אויגען האבען געשפריצט פונקען, און דאס געזיכט האט געפלאמט...

איסאק האט זיא פארוואונדערט בעטראכט און מיט ענט־ציקונג געקוקט אויף איהר, ער האט זיינע אויגען ניט געקענט אוועק רייסען פון איהר געזיכט וועלכעס האט יעצט אויסגעדריקט אזוי פיעל קראפט און חן,

אט דאס איז דיא נייע פרוי האט ער פאר זיך געטראכט אנקוקענדיג זיך אין בערטאס בעגייסטערט געזיכט וויא ער וואלט זיא יעצט דאס ערשטע מאל זעהן פאר זיך,

דאס איז דיא נייע פרוי!

א ! דאס איז ניט טורגעניעוו'ס צארטע טרוימערי'שע פון זיסע חלומות געוועבטע פרויען וועלכע רופען צוא הייסע אונענדליכע ליידענשאפטליכע קישע, צואווארמען צערטלען און האלובען ערגיץ אין אפגעווארפען דארף הינטער'ן אלטען דאך פון אירושה־הויז וואו יעדער ווינקעל דערצעהלט דיר מעשות פון דער גרויער פערגאנגענהייט... וואו עס קוקען אראפ פון די וועגט די אלטע פארגעלבטע געזיכטער פון זיידעס באבעס און עלטער זיידעס קרעפאסטניקעס, און פון געדיכטען גארטען הערט זיך אריין דאס שטילע סודין און שעפטשען פון הונדערט־יאהריגע בוימער...

צוא די אייביג־פארחלומ'טע, אייביג־שטרעבענדע און מעלאנכאלישע פרויען פון טשעחאוו'ן וועלכע וואנדלען וויא אראפ־געווארפענע פון הימעל מלאכים'לעך, מיט זילבער ווייסע צעב־ראכענע פליגעלעך, און פיהלען אז ווייטער פון זעהר בודואר ווייטער פון זעהר דאטשע געפינט זיך א אנדער לעבען... און א אנדער וועלט... און זייא רייסען זיך צוא דעם אנדער'ן לעבען און בלאנזשען ארום וויא שאטען שוואכע מוהטלאזע וויא מיט קייטען געבונדענע, און ליידען שטיל... גוסס'ן שטיל... און דערשטיקען מיט גוואלד יעדער געפיהל און יעדער הערצענס־באגעהר,

ניין ! דאס איז פון די נייע פרויען !

וועמענס אויערין זענען צוגעוואוינט צוא הערען ניט קיין זיסע מעלאנכאלישע מוזיק־טענער, ניט קיין נאגענדע אויף דער פאנ־טאזיע ווירקענדע סימפאניען, נור דאס פלאצען פון באמבעס... דעם קנאל פון ביקסען...

איהר פלאץ איז ניט אין בודואר, שלאף צימער, וואו דער גערוך פון פארפומען פארשכורט, רעגט אויף, און די זילבער קלארע קישעליך, די ראזעווע געשטיקטע גארדינען ווינקען און רופען צום הינטערטונקען זיך אין די ליידענשאפט... נור

אויף די באריקאדען וואו די לופט איז אנגעפילט מיט פולווער און דינאמיט...

דאס איז „אקינד פון דער רעוואלוציאן"

און ווי ערענסט און פעסט קוקען די אויגען פון דעם ליעבען „קינד" אין מינוטען פון אויפרעגונג, וואס פאר אזעלטענעם שיין באקומען זיי דאמאלסט.

ווי גליקלאך מאכט איהם איהר אנוועזענהייט, וויפיעל ניט קיין אויסגעשפראכענע ווערטער ליגט אין איהר ווארעמען ווייכען האנד־דרוק, עפּים ליכטיגער און ווארעמער ווערט אין צימער און די גאנצע וועלט באקומט מיט אמאל אזא שענהייט, אזא פריינדליכקייט.

קיין ווארט פון ליעבע האבען זיינע ליפּען ניט פארגעבראכט.

נור ווי היים... היים... ליעבט ער אט דאס רייצענדע מילדע קינד.

אייביג וואלט ער אזוי געזעסען און אייביג געקוקט אין די שווארצע טיעפע אויגען וועלכע צופלאקערין זיך און ווערען פארדונקעלט... צופלאקערין זיך און ווערען פארדונקעלט... ווי דער בליץ וועלכער רייסט אלע מאל דורך די פינסטערע נאכט...

נור ער ליעבט זיא שטיל... ערגיץ טיעף... טיעף... אין אבעזונדער קעמעריל פון זיין הארץ האט ער דעם הייליגען געפיהל בעהאלטען, ווי איינער וואס פארמאגט אטהייערין ירושה־דיאמאנד און פארשליסט איהם אין אקעסטעלע, און שטעלט עס אוועק וייט... וייט... פון מענשליכען אויג...

און ער האפט ניט, און ווארט ניט אויף קיין געגענזייטיגער ליעבע, ער וויל עס גאר ניט, ניין, ער וויל עס ניט...

זיין ליעבע צו א בערטאן דאס איז אהייליגטהום צו א וועלכען ער האט זיך מורא צורירען... און דאס טראכטען אין חלום׳ען וועגען דעם איז אחלול הקודש...

נור אין דיא שטילע פינסטערע נעכט, ווען ס׳שלאפט זיך ניט, מחשבות באמבלען זיך אין מח אין לאזען ניט רוהען, אבענ־קעניש נאך „עפים" און נאך „אימיצען" נאגט... נאגט... און דיא הענד שטרעקען זיך אוים אומווילענדיג אין דער פינסטערער אונענדליכקייט צום אומארמען...

דיא פארטריקענטע ליפפען בעטען א קוש, און פערגלוסט זיך ארויף פאלען אויף אימיצענם האלז, צודריקען זיך פעסט... פעסט... צוא אימיצענם ברוסט, און איינגראבען דעם קאפ אין אימיצענם בוזעם...

דאמאלסט פלעגט בערטא׳ס מילד געזיכט שוועבען פאר זיינע אויגען, און געפיהלט האט ער זיך אזוי נאהענט צוא איהר, ער האט געפיהלט אויף זיין ברוסט איהר יונגע פוללע ברוסט וועלכע בעוועגט זיך ליידענשאפטליך, און איהרע לאנגע זיידענע האר האבען איהם געקושט און געגלעט...

— און געמורמלט האבען זיינע ליפפען,

מיין ליעבע! מיין ליעבע!

בערטא איז געזעסען דעם קאפ אראפ געלאזט, און איסאק האט אלץ געקוקט אויף איהר,

און דאס איז דעם שטאלצען פאמעשציק פאוולאוו׳ס טאכטער, פאר וועלכען דיא גאנצע סביבה ציטערט, און וועלכער איז ניקאלאיען אנאהענטער קרוב?

אוועק ווארפען דיא רייכע היים, דיא הויכע געזעלשאפט, דאס רוהיגע לעבען, און זיך מיט לייב און זעעלע אריין ווארפען אין הייליגען קאמפף,

יא, יא, אט דאס איז דיא נייע פרוי, דיא טייכער פון דעם נייען ערוואכענדען רוססלאנד...

בערטא האט געפיהלט איסאק׳ס בליקען אויף זיך, זיא האט אויפגעהויבען דעם קאפ און האלב־שעהמעוודיג האלב־שמייכלענדיג איהם געפרעגט,

וואס קוקט איהר אויף מיר אזוי איהר האט מיך ניט דער־קענט ?

גאר ניט גלאט אזוי, האט ער איהר געענפערט לייכט רויט ווערענדיג,

און אין וואראנעזשער גובערניע איז אהונגער... האט זיא וויא פאר זיך גערעדט,

מיין ארעם פאלק —

מיין ארעם פאלק, האט איסאק איהר וויא נאכגעהאלפען,

און פלוצלונג איז פארשלונגען געווארען, ערגיץ דארט אין דער אונענדליכקייט פארשוואונדען, בערטא... דיא ארעמע הונגעריגע מוזשיקעס... און פון מיט א וואלקען איינגעהילטען ווינקעל איז ארוים געשוואומען דער גאנצער שרעק, דער גאנ־צער אינגליק, וועלכער דעם טאטענ'ס עטליכע שורות ענטהאל־טען זיך, און לעבעדיג, נאקעט האט ער פאר זיך געזעהן דעם אונגליק און שרעק, אזוי לעבעדיג און בולט גלייך וויא פאר זיין פענסטער איז דאס פארגעקומען און ער איז געשטאנען און ארוים געקוקט...

שווארצע כוואליעס פון מענשען גיסען זיך איבער דיא גאסען, מענשען מיט רויטע פארפלאמטע געזיכטער, מיט בלוט אנגע־גאסענע אויגען, מיט אשוים אויף דיא ליפפען, און זייא לויפען און זייא לויפען און טראגען זיך וויא טייוואלים מיט אשרעקליכען יעכצען און פייפען,

שלאגט דיא זשידעס! שלאגט! טוידט צוא דיא זשידעס!

און אגעוואלד אגעשרעה טאטעניו! פאטער אין הימעל! טאטעניו!

ר־א־ט־ע־ו־ו־ע! ר־א־ט־ע־ו־ו־ע

רייסט זיך פון הונדערטער הערצער, און מישט זיך צוזאמען מיט'ן יעכצען און פייפען, מיט דער קלונג פון צעבראכענע שויבען און טרעסק פון צעבראכענע מעבעל,

און דער גאנצער געוואלד און שרעקליכען הילך באדעקט דאס קופערנע רעווען פון דיא קירכען־גלאקען,

באם! באם! באם!

רעוועט גלייכגילטיג דאס קופער ווארפענדיג טענער צום הימעל,

באם! באם! באם!

און דער קופערנער באם! באם! באם! מישט זיך צונויף אין אווילדען הארמניע מיט דעם יעכצען און פייפען מיט דיא הערצרייסענדע קולות ר־א־ט־ע־ו־ע־ט, און טראגט זיך האט האט צום הימעל ארויף,

און דער הימעל אברייטער אריינער מיט זילבער־ווייסע דורזיכטיגע וואלקענדליך וועלכע שפילען זיך, לויפען ארום שטיפעריש ביים בארג דארט הינטער דער שטאדט וואו הימעל און ערד באהעפטען זיך, דיא שמייכעלדיגע זונן אפרישע א אונ־שולדיגע וויא דאס פנים׳על פון אנייגעבוירענע קינד האט זיך אויך אראפ געלאזט און פארוואונדערט זיך אנגעקוקט אין דעם וואס דיא קליינע־מילבעליך־מענשעליך טהוען דארט אויף דער ערד...

און אויף דיא איינגע קרומע געסעליך לויפען וויא משוגעים מיט טוידטע פון שרעק אויסגעקרימטע געזיכטער, אלטע יודען, ווייבער, מיידלאך, קינדערלאך, עטליכע יונגע לייט טראגען זיך ערגיץ און שרייען איינער צום צווייטען פעסט האלטענדיג עפיס אין דיא הענד... דער טראגט א קישען, דער אקווארט, אקופערנע פענדעל, דער אלטער אברהמצע מגיד לויפט מיט׳ן טלית־זאק אין האנד אנבויגענדיג זיך נאכן תהילים׳ל וועלכעס איז ארויס געפאלען,

אט טראגט איינער אפיצעלע קינד וועלכעס קוויטשעט און טולעט זיך צוא דער מאמען און אללע לויפען און טראגען זיך משוגענער ווים אנשלאגענדיג זיך איינער אין צווייטען.

און צווישען דעם טומעל לויפט אויף זיין מאמע שלעפענדיג בייא דער האנד דיא אלטבלינדע מאמע, און נאך זייא שלעפט זיך קוים נאך דיא דארע אויסגעדארטע שוועסטער מיט איהר קראנקען טשאכאטשענעם מאן, און מ'לאזט זיך אראפ אין ברונען אויף וועלכען מ'זאגט אז שדים האלטען זיך אין איהם אויף, און אין דיא פינסטערע נעכט ווארפען זייא שטיינער אויף דיא פארבייגעהער באליטענדיג זייא מיט אווילדען חא! חא! חא! און פון דארטען קוקען זייא ארוים פלאטערענדע מיט שטארע אויגען אין וועלכען ס'איז פארגליווערט געווארען א אונענדליכער טוידט שרעק...

ניין! ניין! דאס איז אונמעגליך! עס קען ניט זיין! האט ער מיט שרעק אויסגעשריען,

ער האט שלעכט געלעזען, און דיא אלע שרעקליכע בילדער האט איהם נור זיין קראנקע צוהיצטע פאנטאזיע געמאהלט,

ער דארף זיך אויכשלאפען... אויסרוהען... דער קאפ דרעהט זיך אזוי... איך בין אזוי מיעד... אזוי מיעד...

און וויא אווייכע ווארעמע האנד גלעט איהם איבער'ן קאפ, גראבט איין דיא פינגער טיעף אין דיא האר און גרייזעלט זייא... גרייזעלט זייא... און אווארעמע שטיממע שעפטשעט איהם אין אויער בארוהיג זיך מיין ליעבער... ס'איז גאר ניט... עס נארישקייטען... דוא ביזט מיעד... אויסגעמאטערט... לעג אוועק דיין קאפ בייא מיר אויף דיא קניעס... אט אזוי... און איך וועל דיר גלעטען... גלעטען... גרייזלען דיר דיא האר און דערצעהלען דיר אמעשה'לע... דוא ליבסט דאך אזוי מעשהל'ך... פעסטער... פעסטער... טולע זיך צוא מיר... וואס זאל איך דיר דערצעהלען? פון דעם בן מלך? צוא פון דעם פאסטוכיל? פון דעם מלך? גוט,

עס איז געווען אמאל אבן מלך... האט ער געלעבט א גוטען טאג... וויא אבן מלך... איינמאל האט ער זיך פרזינדיגט...

פאר וואס? ער האט געטאהן נארישקייטען... אט אשטייגער וויא דוא... ניט געוואלט פאלגען טאטע מאמע, ניט געוואלט געהן אין חדר, א בן מלך געהט אויך אין חדר — און געריסען אללע מאל דיא הויט עסין... גיב עסין... און דאס קול איז אזוי ווארעם... אזוי פול מיט ליעבע... אזוי וויך און צארט גלעט דיא דארע ווארעמע האנד איבערין קאפ...

שלאף, שלאף, זונעניו... שלאף, שלאף, מיין קינד... ער האט אויף געעפענט דיא אויגען... דער בריעף אצוקנעטשטער איז געלעגען אין דער האנד, בערטא אנשפארענדיג זיך אין ווענטעל פון בעט האט געדרעמעלט איהר געזיכט האט יעצט אויסגעקוקט אזוי קינדיש... אזוי ליידענד־מיעד... אז איסאק האט געוואלט צוגעהן צוא איהר, זיא נעמען אויף דיא הענד און צארט מוטערליך פארוויגען זיא. בערטאס שלאפענדיג געזיכט ווערט רויטליך אין דיא בעקליך צוגליהען זיך צווייא פייערליך, אשטילער קרעכץ רייסט זיך ארויס פון איהר ברוסט, און איהרע ליפפען שעפטשען פון שלאף פאר זיך, מיין ארים פאלק,

און דיא הענד צונעמען אליין דעם בריעף... וויא פון זיך, גלייכען איהם אויס און צונעמען איהם,

דיא אויגען שפרינגען נאך אמאל איבער דיא שורות, און נאך אמאל צעריסענע ווערטער... אומגעלומפערטע בוכשטאבען... און גלאט אזוי פינטעליך... שווארצע פינטעליך... און דיא הענד דריקען דעם שטערין... רייבען דיא אויגען... און דיא אויגען ווערען אויסגעגלאצט... שטעלען זיך אפ אויף איין פינטעלע און קוקען...

אט קריכען פון ערגיץ ארויס דיא קורצע צייטונגס־נאכריכטען, לאנג לאנג פארגעסענע, אויף וועלכע ער פלעגט נור ווארפען אבליק, און אפטמאל גאר ניט באמערקען,

אויפגעשניטענע מיט פעדערין אנגעפילטע בייכער... אויף צווייען צעריסענע קינדערליך... צושפאלטענע קעפ, אפגעריסענע

הענד, געזער, און גאנצע הויפענס הרוגים פארוואונדעטע, און ארויטער וואלקען מיט בלוט אנגעזאפּט האט איהם וויא ארום געקלאמערט... איינגעהילט... און אריין געדרונגען אין יעדער ווינקעל פון זיין הארץ... אין יעדער קעמעריל פון זיין נשמה... פון דעם רויטען וואלקען האט ארוים געקוקט דער מלאך המות בּרייט פארנאנדער עפענדיג זיין שרעקליכע מויל, קלאפּענדיג מיט דיא בּיינער־הענד, שמייכלענדיג צופרידען מיט דיא לעדי כער־אויגען... און אברהמצע דער מגיד איז געלאפען פעסט האלטענדיג דעם טלית־זאק... דער טאטע מיט דער האלבּ־בּלינדער מאמע האבען זיך אראפּ געלאזט אין ברונען... און פון דארטען געקוקט אויף איהם מיט זייערע איבּערגעשראקענע שטארע אויגען... און געבּרומט האט איהם אין דיא אויערין אזוי געבּרומט... א קופּערנער בּאם! בּאם! בּאם!

און דער וואלקען האט אנגעפילט דעם צימער, זיך פאנאנדער־געוויקעלט און אויסגעשפּרייט אויף דיא וואנד, אויף דעם טישעל, אויף׳ן צעבּראכענעם בּעט, אויף אלעמען... און דאס בּרייט־פארנאנדערגיעפענטער מויל פון דעם מלאך המות וועלכעס האט געקוקט וויא דער פינסטערער אונענדליכער תהום האט אין זיך אלעם איינגעשלונגען... אלעם...

אלעם איז וויא פארטרונקען געווארען אין א ים רויטע וואל־קען...

און דער זיכערער איסאק וועלכער האט אויף אלע בּרענענדע פראגען אקאלטען תירוץ בּעשטענדיג געפונען האט זיך וויא פארלוירען... ער האט זיך אליין ניט געפונען...

דער מיעדער קראנקער מח האט זיך אנגעשטריינגט, זיך איינגעגראבּען... און געזוכט... נאכגעפארשט... א טיעפער קנייטש וויא אשווארצער פאס האט זיך געלעגט אויף׳ן שטער־רין... ניט ווייט פון דיא אויגען, און פארעקשנט האט זיך דער קנייטש און געבּליבּען אזוי מינוטען־לאנג... און איינגעצויגען

האבען זיך דיא אויגען וויא קלענער געווארען פון אנקוקען זיך און איינגראבען זיך אין עטוואס אונענדליכעס...

דער מח איז אויף אמינוט אנשלאפען געווארען... און מיט אמאל זיך מיט אימפעט אויפגעכאפט... און אויפכאפענדיג זיך איז פאר זיינע אויגען אלעס ליכטיגער געווארען... אלעס האט באקומען אבעשטימטע פארמע... אט אט איז נאך פיעל אנשטריינ־גען זיך, און שווערען נאכדענקען, דורך געפלויגען אגליקליכער געדאנק... וועלכען ער האט אזוי נאכגעזוכט...

אט, אט, יעצט איז שוין אלעס קלאר... דאס אלעס איז אנויטווענדיגקייט... א אומפערמיידליכע נויטווענדיגקייט... דיא מענשהייט האט אהן רעוואלוציאן און בלוט פארגיסונג קיין שפאן ווייטער ניט געמאכט... עס בייטען זיך דורות מענשען פאלען שטרויכלען, נייע מחנות קומען אן, און דער קאמפף ווערט שטארקער הייסער... אין דער וועג וועלכער פיהרט צוא גליק איז פארשפרייט מיט מיליאנען קרבנות...

דאס אלעס האט „געמוזט" זיין... און „ס'מוז" זיין...

דאס בלוט דאס איז דער פרישער פריהלונג'ס רעגען וועלכער רופט ארויס דיא אלע באהאלטענע כוחות וואס דער לאנגער אכזר ווינטער האט געהאלטען פארקאוועט... און וואס שטאר־קער דער שטורעם אלץ שטילער קוקט נאכהער אויס דער שעהנער פריה־מארגען... וואס שווארצער דיא נאכט, וואס געדיכטערער דיא וואלקען, וואס גרעסער דער חושך, אלץ ליעבער ווארעמער שמייכעלט דיא זונן...

יא, יא, יעצט איז אלעס קלאר... מיט אונזער בלוט און מארך שמירען מיר דיא רעדער פון רעוואלוציאן און דאס איז אונזער שטאלץ! אונזער שטאלץ!

נור ערגיץ פון אווינקעל מח האט זיך אנגעהויבען ארויס צוי־קייקלען און וויא אקנויל זיך פאנאנדער צוא וויקעלט א נפשיל... א קליינס... איין אנגעשרימפענס מיט צוויי שארפע שטעכענדיגע

אויגעליך וועלכע קוקען מאדנע אויסגעגלאצט און דאס נפשיל ווערט אלץ גרעסער... גרעסער...

איסאק האט זיך טיעפער אנגעקוקט, זיין נאז, זיינע אויגען, זיינע דינע צוזאמענגעשלאסענע ליפפען, נור דער שטערן איז בייא „יענעם" מעהר פארקנייטשט... און דער שווארצער פאס בייא די אויגען וועלכער איז אויסגעהאקט איז טיעפער...

יא, יא, אט דאס איז ער... אט „ער" זיצט אין איהם און לאזט איהם ניט לעבען, אט „ער" רויבט זיין רוה און כח, און מוטשעט איהם און דריקט איהם אהן אויפהער,

און דער „ער" איז טאקע איסאק אליין...

ס'איז אבער פארט ניט ער... ער אליין פלעגט זיך ניט גריבלען... ניט חקרנין, ס'איז פשוט קיין צייט ניט געווען, ער פלעגט נאך באשולדיגען די יעניגע וועלכע פלעגען ליעב האבען אין מיטען היציגען לויפען זיך פלוצלונג אפשטעלען... פארקאטשעט די אויגען צום הימעל... פארקנייטש דעם שטערן און פאר־קראכען ערגיץ אהין אין די וואלקען...

אט דאס גריבלען און חקרנין! דאס איז דער אונגליק פון אונזער יוגענד... די אייביגע האמלעט'ס מיט זייער אייביגען צווייפעל... די צובראכענהייט און צעריסענהייט פון דער יודישער נשמה... דאס אריין קריכען מיט די אייגענע נעגעל אין אייגענעם פלייש און רייסען פון זיך אליין שטיקער,

א! וויפיל כוחות דאס האט אונז געקאסט,

און „יענער" שטעלט איהם ארויס די צונג... און לאכט זיך איהם אויס אין די אויגען... ער וויל איהם אנכאפען ביים האלז, דערשטיקען איהם און טרעטען מיט די פיס... נור ער צולאכט זיך שטארקער... און שטעלט איהם ארויס די צונג...

אט אזוי גוטער ברודער, קוק זיך אום, דיינק ניט אז אלעס איז גלאט און קיילעכדיג... דיינע אלע תרוצים טויגען אויף כפרות... דוא און נאך אזוינע וויא דוא ריידען זיך איין, אדער

ריכטיגער געזאגט מ'רעדט זייא איין, אז דאס איז ניט קיין פאגראמען אויף יודען, נור א קאמפף צווישען ליכט און פינסטערניס, צווישען דעספאטי און פרייהייט... און איך זאג דיר אז אויב דיין פרייהייט פאר וועלכער דוא אפפערסט זיך מוז נור געבויט ווערען אויף די קברים פון צוועלף מילליאנען יודען, פון אפאלק וועלכע האט הינטער זיינע פלייצעס אצוויי־טויזענט יאריגע היסטאריע, דאן א כפרה אייך מיט אלע אייערע פראהייטען... און „ער" האט פאר כעס געגעבען אקלאפ מיט די פיס, דער פאס בייא די אויגען איז טיעפער געווארען... און די טיעפע קליינעקע אייגליך האבען מאדנע געבלישטשעט און וויא שפילקעס געשטאכען...

און די קרבנות וועלען ניט לעבעדיג ווערען אין וואס פאר א קאמפף זייא זאלען ניט פאלען צוא אין פאגראמען, צוא אין ק־א־מ־פ־ף מיט ליכט און פינסטערניש און ביז ס'וועלען זיין שוואכע און שטארקערע, וועלען די שוואכע פאלען וויא פליגען, און מיר! מיר! — דוא ווייסט ווער „מיר" זענען? — וועלען בעשטענדיג זיין די שוואכערע ווייל מיר האבען קיין פאליטישע מאכט, קיין באדען הינטער אונזערע פיס... ווייל... ווייל...

יעצט האט „ער" שוין איהם געהאלטען פאר'ן האלז און געדריקט... געדריקט... אטהעמען האט ער איהם ניט געלאזט, אין די אויגען איז געווארען פינסטער... פינסטער... און גרעסער איז געווארען דער ריס אין זיין נשמה און טיעפער... טיעפער... די וואונד אין זיין הארצען...

פון דעם רויטען וואלקען האבען ארויס געקוקט בלאסע איבערגעשראקענע געזיכטער און אזוי פיעל יאוש, אזוי פיעל אנגסט האבען זייא אויסגעדריקט, און נאך עטוואס האט ער אין זייא באמערקט „עטוואס" וואס האט איהם אי געפרעהט... אי געשראקען... יא, „האסס" אטיעפען אונענדליכען האס... האבען אין זיך פארשלאסען די מאדנע קנייטשען ביים ווינקעל

פון מויל... דער שטילער טאטע וואס האט אויף זיין לעבען קיין פליעג אויף דער וואנד ניט געטשעפעט האט יעצט „פיינט" געהאט... שטארק און היים פיינט געהאט, זאגאר חייקעלעס קראנקער טשאכאטאשנער מאן וועלכער פלעגט פאר א הונד אנטלויפען האט איסאק באמערקט וויא ער האט יעצט קראמ־פפהאפט צוזאמענגעשלאסען דיא פויסטען און אימיצען געשראקען מיט זייא...

דאס רעווען פון דיא קירכען־גלאקען האט אלץ געברוממט אין זיינע אויערין...

און גרעסער... גרעסער... איז געווארען דער רים אין זיין נשמה און טיעפער דיא וואונד אין זיין הארץ...

און דער „צווייטער" וועלכער זיצט אין איהם גריבעלט אלץ, וויא טיטוס׳ס פליעג, פארשטילט געווארען אויף אמינוט און ווייטער געבויערט דעם מח... דיא פאר וועלכע דוא קעמפפסט הייגט וועלען קומען מארגען און דיך מיט דיין אלטע טאטע מאמע קוילען אויף דער קניע, הייגט קלינגט מעכטיג איבער דער גאס און צעגיסט זיך ווייט און ברייט,

*) אָטרעטשאָמסיאַ אָט סטאַראַוואָ מיראַ!

און ס׳פלאטערט הויך און שטאלץ אין דער לופטען דיא רויטע פאהנע און מארגען פילט אן דיא זעלבע גאס אווילדער

**) בּיי זשידאָוו! בּיי זשידאוו!

און האפען האסטו, אט הויבען זיך דיא מאססען... אט געהן זייא גאנצע באטאלליאנען אונטערדריקטע... און שטרעקען דיר אונגליקליכען אויס ברידערליך דיא האנד... און אין אמת׳ן קוקען מיללאנען גלייכגילטיגע אויגען אויף דיר... קיין איין טרייסט־ווארט הערט ניט דיין טיעף געבראכען הארץ... און דיין הייסעס פול־ליעבענדעס הארץ איז פרעמד און קאלט פאר דעם וועלכער דארף אזוי אביסעלע ליעבע... אביסעלע ליעבע...

*) מיר וועלען זיך בעפרייען פון דער אלטער וועלט **) שלאגט די אידען שלאגט די אידען.

פרעמד און קאלט... פרעמד און קאלט...

און יעצט האט „ער“ איהם ניט נור געווארגען ביים האלז און געשטיקט, נור אריין געקראכען טיעף טיעף אין דער נשמה... און מיט אייזערנע נעגעל געריסען... געריסען... און געוואלד! האט זיך געוואלט ארוים רייסען פון דעם הארץ וואס ווילל פלאַצען... געוואלד! קומט אהער ברידער! איך טריינק זיך! ראטעוועט! ר־א־ט־ע־ו־ו־ע־ט! א־י־ך ז־י־נ־ק! נור אשווערער שלאס איז וויא געהאנגען אויף דיא ליפּפּען... דיא צייהן האבען געקריצט און זייא געביסען און טראפּפען בלוט איז אויף זייא וויא פארגליווערט געווארען... און דער טיעפער תהום עפענט זיך אלץ ברייטער... רוקט זיך צוא נעהנטער... אונענדליך־טיעף איז דער תהום, דיא שווארצע אייביגע נאכט קוקט פון איהם ארוים... און ער שלינגט איהם איין און רייסט איהם אוועק פון עטוואס ליעבעם טהייערעס פאר וועלכען ער האט אזוי פיעל געאפּפּערט און געווען פארטיג צוא אפּפּערין... פארבארגען האט זיך ערגיץ דיא זונן... דיא נאכט האט גע־הערשט ארום איהם... און קיינער קומט ניט... איך בין אליין... אליין...

איך האב זיך ביי אייך אביסעל אויסגעשלאפען האט זיך בערטא אנגערופען רייבענדיג זיך דיא אויגען,

וואס איז מיט אייך איסאק? איהר פיהלט שלעכט? האט איהם בערטא ווייך אפרעג געטהאן איינקוקענדיג זיך אין איהם, און איהרע גוטע אויגען האבען זיך מיט רחמנות אפגעשטעלט אויף זיין מיעדען אויסגעמאטערטען געזיכט, איהר דארפט זיך אויסרוהען, אוים שלאפען, טרינק אוים אגלאז שטארקען טהעע און לעגט זיך שלאפען,

זיא האט איהם געגעבען דיא האנד און איז אוועק געגאנגען,

און איך בין אליין... אליין...

דיא האלבע גלאז פארקילטע ניט דערטרונקענע טהעע איז

געשטאנען, אפאר פליעגען האבען זיך אין איהר געווארפען, געארבייט מיט דיא קליינע פיסעליך און פליגעליך,

וואס פאר א גרויסער ים דארף זיין ביי זייא אין דיא אויגען דיא האלבע גלאז טהעע, און זייא רייסען זיך פון דעם טיעפען געוואלדיגען ים, קאראבקען מיט דיא פיסעליך און זינקען אלץ טיעפער... טיעפער...

אין צימער איז שוין געווען האלב־דונקעל, דיא זונן ארויטע אקייליכדיגע וויא אגרויסער פייערדיגער באלון האט זיך פארקך ליבען צוא מעריב זייט, און אראפ ערגיץ פון יענער זייט בארג... דיא וואלקענדליך ראזעווע, רויט־בלויעליכע האבען זיך גרופען־ווייס געשפיעלט און געדרעהט ארום דער זונן,

און געברענט האט זיך מעריב... אשרפה האט זיך גרויס און ברייט צופלאקערט ביים שפיץ־בארג... און דער בארג אליין, דער אלטער פארווארפענער שלאס אויף איהם, האבען אויך געברענט... דיא זונן האט זיך אלץ פארוקט, פארגנב'עט און מיט אמאל אין גאנצען פארשוואונדען אהין הינטער'ן בארג. נור דיא גרופפען ראזעווע און רויט־בלויעליכע וואלקענדליך וועלכע האבען אויסגעקוקט פון וויטען וויא בערגעליך... בערגעליך... זענען געשטאנען וויא שטומע עדות פון ניט לאנג געוועזענעם ליכט...

דיא גאס איין אנגעהילטע אין האלב־דונקעלהייט האט געש־וויגען טרויעריג־שטיל דיא פארבייגעהער האבען זיך וויא שאטען דורך געטראגען שטיל אפקלאפענדיג מיט דיא פים, מיט אזים־נאגענדע ביינקעניש האט געאטהעמט דער שטילער זוממער אבענד, דאס הארץ האט עפים געגלוסט... נאך עפים געבענקט און אליין ניט געוואוסט נאך וואס...

ביי איסאק'ן אין צימער איז אין גאנצען דונקעל געווארען, אלעם וויא פארגליווערט האט געשוויגען ארום איהם... און ער איז געזעסען און ארוים געקוקט אין פענסטער.

מיט שטילע רוהע און ביינקעניש האט אויף איהם דיא שוויי־
גענדיגע גאס געקוקט וויא דונקעל־בלויער סאמעט איז געלעגען
דער טיעפער הימעל... און דיא שטערענדליך וועלכע האבען
גנב'יש געפינטעלט מיט דיא העלע אויגעליך האבען מעלאנכאליש
געקוקט צוא איהם, דיא בוימער ביים פענסטער סודין זיך שטיל
און דיא בלעטעליך דערצעהלען איינער דעם אנדערין עפיס אלאנ־
גע טרויעריגע געשיכטע, און איסאק האט זיך וויא צוזאמענגע־
גאסען מיט דעם אבענד, און וויא דער אבענד געשוויגען...

אסקריפ פון טהיר האט איהם וויא אויף געוואכט, נאטאשא
איז אריין געקומען אנצינדען דיא לאמפע,

און דער פאניטש זיצט אליין און טרייבט פליגען,

איסאק האט איהר גאר ניט גיענפערט און זיא פארוואונדערט
באטראכט וויא ער וואלט זיא ניט דערקענט,

נאטאשא! האט ער זיך צוא איהר געווענדעט נאך אקליינער
פויזע — זעץ זיך אוועק אווילע,

נאטאשא האט געדענקט אז דער פאניטש וויל מיט איהר
אביסעל שפאס מאכען,

איך האב יעצט קיין צייט ניט פאניטש איך וועל שפעטער
אריין קומען האט זיא איהם מיט אשמייכעל געענפערט,

נור אפאר מינוט זיין, איך וועל דיך עטוואס פרעגען,

נאטאשא האט איהם האלב־פארוואונדערט אנגעקוקט און
זיך אוועק געזעצט,

ביינקסטו אהיים נאטאשא?

האט ער זיא געפרעגט נאך אקליינעם שטיל שוויינען,

אוי אהיים! האט ביי איהר זיך ארויסגעריסען און אפייעריל האט
זיך אנגעצונדען אין איהרע בלויע אויגען, און אווארעמקייט האט
זיך געהערט אין איהר שטימע,

יא, איך בענק אהיים, אין דארף אריין, צוא טאטע און מאמע,
צווישען אייגענע, דער טאטע איז אשלעכטער... ער פלעגט מיך

אפט שלאגען... זעהר שלאגען מיט אשטיק האלץ... נור ס'איז אטאטע... אטאטע שלאגט און אפרעמדער קושט איז נאך ניט גלייך, און דא זיינען אלע פרעמדע... פרעמדע... און איטליכער דערצעהלט מיר נור אז איך בין אשעהן מיידעל... און יעדער ווילל מיר נור אצופ טהון, אקוש טהון... פוי! דער טייפעל זאל זייא נעמען צוא אלדע רוחות זאלען זייא געהן אט דיא אלע שלעכטע מענשע ... האט זיא מיט כעם אויסגעשריען,

און וויא גוט איז אין דער היים! וויא גוט, אונזער דארף שטעהט ביי דער אקא — ווייסט וואו דיא אקא איז? — און אין ווענא־צייט ווען דער טאטע האט אויפגעעפענט דאס פענסטעריל, ארויס געקוקט צום הימעל... און ארויס געגאנגען פאררייכטען דעם אקער, טאררראק! און דיא אקא האט אן געהויבען צוא געהן, היי! היי! וויא שעהן איז געווען! מיר פלעגען אראפ לויפען צום ברעג... און דארט מאמעלע! האבען זיך גאנצע בערגער אייז געטראגען, און געקראכען איינער אויף'ן אנדער'ן... און געשטופט איינער דעם אנדער'ן... און אלע מאל טראך! טאראך! טראך! טאראך! פארשטעהסט? דאס אט אזוי דאס אייז געקלאפט, אוי מאמעלע! אין אונזער דובראווינא — אונזער דארף הייסט דובראווינא איז געווארען פון אלע זייטען מיט וואסער... וויא דוא ווארפסט א אויג איז נור וואסער און וואסער... נור פון יענער זייט אקא זענען געווען סטעפעס, האסט אמאל געזעהן סטעפעס? אזוינע גרויסע, ברייטע און גראז איז שוין אויף זייא געווען... און שאפעליך זענען ארום געלאפען... און פעדקא דער פאסטוך פלעגט שוין זיצען און שפילען אויף זיין פייפעלע ליעב געהאט האט ער מיך מיין נשמה פעדקא... נור ער איז געווען א ארימער פארובאק האט איהם מיין מאמע ניט געוואלט... און געשפיעלט האט ער, דער רוח זאל איהם נעמען נור, וויא ער האט געשפיעלט, דיא נשמה פלעגט ער ביי מיר ארויסציהען... און איך פלעג אזוי וויינען... עט כאפט איהם דיא חלירע...

אין דיא צערקווע! זאלסט זעהן וואס פאר אצערקווע מיר האבען אין דובראווינא! וואסארא לאנקע הינטער איהר!... און אין דיא פראזדניקעס פלעג איך אומטאנצען און אומשפרינגען מיט מיינע חברת'הס... היינט זאלסט זעהן וואסארא גרויסע ווינשעל־גארטען מיין פעטער קאנדראט האט! און פעדקא פלעגט דארט אויף מיר ווארטען... פארשטעהסט? אויף דער נאכט פלעג איך זיך ארוים כאפען... און מיר פלעגען זיך קושען און דאס סאלא־וויטשיקעל פלעגט מאכען פיליק! פיליק! וואס זאגסטו ער האט מיך שוין געווים פארגעסען פעדקא טשארט! ער פלעג מיך אזוי האלובען... א חלירע זאל איהם כאפען... און אזוי פיעל קושען און דאס סאלאוויטשיקעל פלעגט מאכען פיליק! פיליק! און אגליק־ליכער שמייכעל האט זיך צוגאסען איבער נאטאשאס געזיכט, און איהרע גרויסע אויגען האבען פארחלומט געקוקט פאר זיך...

וואס זאגסטו פאניטש ער האט מיך שוין פארגעסען? — האט זיא זיך וויא פון שלאף אויפגעכאפט,

און איך בענק אויך אהיים נאטאשא, האט איסאק נאך אק־ליינער פויזע וויא פאר זיך געמורמעלט,

איך בענק אויך אהיים, איך בין אויך דא אין דער פרעמד... צווישען פרעמדע... און מיין וועהטאג איז פאר יענעם פרעמד... און קיינער קען איהם ניט פארשטעהן... נור וואו איז מיין היים? ווער איז מיינער? און וועמענס בין איך?

וואהין געהט מען? וואהין?

צוא דיא שטיבליך־חורבות? צוא דיא מענשען־מתים? צוא דיא פון וועלכע איך בין אזוי וויט אפגעריסען...?

ניין! פרעמד! פרעמד! פרעמד! איז מיר דארט אלעס... און דא?

און וויטער האט זיך פאר איהם געעפענט דער שרעקליכער אונענדליכער תהום... וועלכער רייסט אוועק פון דאנען... און ברענגט ניט אהין... צוריק...

נור וואהין גערהט מען? וואהין? ווער איז מיינע און וועמענס בין איך?

און דער תּהום ווערט אלץ ברייטער... טיעפער... און פון דארטען קריכט ארויס דער רויטער וואלקען און פארשלינגט אלעס... פארשפרייט זיך און לייגט זיך אויס אויף אלימען... דרינגט אריין אין קאפּ, אין הארץ, אין אלע אברים, און אריין געקראכען איז ער אין יעדער קאמעריל פון׳ם מח... און דער מח אט פלאצט ער... אט פלאצט ער... ער לאזט זיך אראפּ און זינקט... און הענד ציהען זיך צוּא איהם, שלעפּען איהם... און נעגעל שארפע שפּיציגע נעגעל קריכען טיעף אין זיין לייב... אין ער וועט שוין קיינמאל ניט ארויס קריכען... קיינמאל זיך ארויס רייסען... קיינמאל... און פון דעם ברוּנען האבען גע־קוקט אויגען משונה גרויסע־אויגען... אין וועלכע דער טוידט שרעק איז פארגליווערט... און דאס עטוואס נייע... וואס האט זיך איהם נאך פריער וויא געווארפען אין דיא אויגען, וועלכעס האט זיך טיעף באהאלטען און באגראבען און דיא מאדנע פארעקשנטע קנייטשען ביים מויל... האט געברענט און צופלא־קערט זיך...

אין דיא אויערען האט געגוואלדעוועט דער קופּערנער באם! באם! באם!

דיא לופט האט דורך געשניטען און פארציטערט שווערע געציילטע גלאקען־שלייגע, איינס!... צוויא!... דין!... דרייא!... פיער!... דין!... האבען ערנסט געקלונגען און דערצעהלט אימיצען אין דער פינסטערנים, דיא קירכען גלאקען און דיא גאס האט זיך וויא פארגליווערט אנגעהערט, דיא שווארצע זוממער־נאכט האט אריין געקוקט אין פענסטער.

אנקעל טאָם׳ס קעבין

— אָדער —

די שווארצע שקלאַווען אין אמעריקא

— פון —

הערריעט ביטשער סטאָו

איבערזעצט אין אידיש

פון י. יאַפפא.

אָנקעל טאָם׳ס קעבין איז געשריעבען געוואָרען מיט פופציג יאָהר צוריק, אין דער צייט ווען דער האנדעל מיט שוואַרצע שקלאַווען האָט עקסיסטירט אין אַמעריקאַ.

די פערפאסערין, הערריעט ביטשער סטאָו, האָט מעהר ווי אַ העלפט פון איהרע יאָהרען פערבראַכט צווישען די שקלאַווען, און אַזוי ווי זי איז געווען אַ הויך־בעגאבטע און געבילדעטע פרוי מיט גרויסע מענשליכע געפיהלען, האָט זי שרעקליך געליטען פון די גרויל־טהאַטען, וועלכע זיינען בעגאנגען געוואָרען געגען די אונגליקליכע, און זי האָט בעשלאָסען דיעזע גרויל־טהאַטען בעקאַנט צו מאַכען פיר דער וועלט.

זי האָט יאָהרען־לאַנג געקליעבען מאַטעריאל פאַר איהר בוך, און אַז זי האָט געזעהען, דאָס זי האָט שוין גענוג פאַקטען אויף אַרויסצוטרעטען פאַר דער וועלט און בעווייזען ווי ווייט מענשען קענען ווערען חיות רעות געגען אונגליקליכע, אונבעשיצטע מענשען, וועלכע זיינען מיט געוואַלד צוגענומען געוואָרען פון זייער לאַנד און האָבען דאָס אונגליק צו האָבען אַ שוואַרצע הויט, האָט זי דאַן איהר בוך אַרויסגעגעבען.

ווען דער בוך איז אַרויס, האָט ער אָנגעמאַכט אַ שרעקליכען שטורם אין דער גאַנצער וועלט. מען האָט געוואוסט אַז יעדער וואָרט איז אמת, אָבוואָהל אַזעלכע שרעקליכע פאַקטען, ווי אין איהם ווערען געבראַכט, זיינען געווען קוים גלויבליך. מיט וועלכער היץ דער בוך איז געכאַפּט געוואָרען, ווייזט דער פאַקט, אַז אין עטליכע טעג זיינען איבער צעהן טויזענד

ביכער פערקויפט געוואָרען און איבער דריי הונדערט טויזענד אין א יאָהר. אכט גרויסע דרוק מאשינען האָבען געארבייט טאָג און נאַכט און האָבען קוים געקענט נאָכקומען דעם פערלאַנג פון די ביכער. אין א פּאָאר יאָהר איז ער איבערזעצט געוואָרען אין נײַנצעהן שפּראכען און פינף מיליאָן עקזעמפּלארען זיינען פערקויפט געוואָרען. אזא גרויס פערברייטונג האָט נאָך קיין בוך ניט ערוייכט.

די ווירקונג פון דעם בוך איז געווען אזוי ווי דער גליהען פון א פייער'ל אונטער א וואלד מיט טרוקענע האָלץ. דער הימעל האָט געגליהט מיט די שטורמישע געפיהלען, וועלכע האָבען געשוועבט איבעראל און זיינען זאָגאר אריבער דעם גרויסען אָקעאן, ביז עס האָט געשיינט, אז די גאנצע וועלט האָט מעהר ניט גערעדט ווי נור ארום דעם בוך

אָנקעל טאָם'ס קעבּין

דער געפיהל געגען שקלאַווערייי, אז שקלאַווערייי זאָל אָבגעשאַפט ווערען איז שוין לאַנג געווען אין אמעריקא, און פיעלע גרויסע מענער זיינען אויפגעטרעטען געגען דעם, אָבער די פיהרער פון די שקלאַווען שטאַאטען אין די סאַוטה זיינען געווען זעהר מעכטיג און עס איז געווען שווער עטוואָס אויסצופיהרען; אויסער דעם האָבען זיי געהאַט א גרויסע מאכט אין דעם קאָנגרעס פון די פעראייניגטע שטאַאטען.

עס פערשטעהט זיך פון זעלבסט, אז ווען „אָנקעל טאָם'ס קעבּין" איז ארויס אין דער וועלט און האָט אויפגערודערט אַלע נאַציאָנען, האָבען די פערטהיידיגער פון דער שקלאַווען סיסטעם, וועלכע זיינען דאמאלס געווען אין פולער מאכט, ניט געשוויגען און האָבען געטהאָן אַלעס מעגליכע אָפּצושוואכען די שרעקליכע שילדערונג אין דעם בוך, זיי זיינען אויף דער פערפאַסערין ארויפגעפאַלען מיט זלזולים און פערליימדונגען, אז די בילדער וועלכע זי האָט געמאָהלען זיינען פאַלשע און אויסגעטראַכטע, און זיינען גאָר קיין מאָל ניט פאָרגעקומען. די פּאָליטיקער און זייערע גלחים האָבען זי פערדאמט, און אין פערשיעדענע סאַוטה שטאַאטען האָט מען דאָס בוך פערבאָטען צו פערקויפען.

איהר ענטפער צו איהרע אנגרייפער פערנעהמט א גאנצען בוך מיט פאַקטען פון פערשיעדענע געריכטען און געזעץ־ביכער, מיט וועלכע זי אי־בערצייגט אַז אַלעס וואָס זי האָט געשריעבען האָבען אין דער ווירקליכקייט פּאַסירט. דיעזע אַלע פאַקטען זיינען איהר געשיקט געוואָרען פון אדוואָ־קאַטען און ריכטער, וועלכע זיינען געווען געגען שקלאַווערייי און האָבען פאַר איהר אויסגעזוכט דעם בעסטען מאַטעריאַל אויסצופיהרען איהר צוועק.

א וועלט מיט מענשען איז איהר געשטאַנען צו הילף מיט ראטה און טהאַט און דאָס האָט איהר געהאָלפען צו מאכען איהר בוך ניט נאָר פאר איין אינטערעסאנטע און הערצרייסענדע ערצעהלונג, זאָנדערן פאַר א

פייערדיגען רוט געגען אַ סיסטעמע, וועלכע מען האָט שוין מעהר ניט גע־קענט פערטראָגען.

אַ יאָהר שפּעטער נאָכדעם ווי עס איז ערשיענען דאָס בוך

אָנקעל טאָם'ס קעבּין

איז אייבּרעהעם לינקאָלן ערוועהלט געוואָרען אלס פרעזידענט פון די פער־איינינגטע שטאַאַטען, און ער האָט אַרויסגעלאָזען אַ פּראָקלאַמאַציאָן אָפּצו־שאַפען די שקלאַווערייַ, און ווען דאָס איז געוואָרען אַ געזעץ, איז גלייך ענטשטאַנען דער בירגער־קריעג, צווישען די נאָרטה און סאַוטה שטאַאַטען.

אַ הייליגע בעגייסטערונג האָט דאַן אַרומגענומען די איינוואָהנער פון דער נאָרטה, יעדער איינער איז געווען בערייט זיין לעבען אַוועקצוגעבען פיר די בעפרייהונג פון די שקלאַווען, מוטערס האָבען זייערע קינדער אַרויסגע־שיקט, פרויען זייערע מענער, כלות זייערע חתנים אין קאַמפף פאַר די בע־פרייאונג פון די נעגערס און געגען מענשען־שקלאַווערייַ.

דיעזער שרעקליכער ברודער־קריעג האָט געדויערט איבער פיער יאָהר, איבער אַ מיליאָן מענשען לעבענס זיינען פערלאָרען געגאַנגען און די לאַנד איז כמעט פערוויסטעט געוואָרען, אָבער די פערפלוכטע שקלאַווערייַ איז אָפּגעשאַפט געוואָרען.

און דאָס אַלעס האָט פעראורזאכט מיסעס סטאָו מיט איהר בוך

אָנקעל טאָם'ס קעבּין

אין וועלכען זי האָט ענטדעקט פיר דער גאַנצער וועלט די מערדערייען און שוידערליכע פייניגונגען, וועלכע זיינען בעגאַנגען געוואָרען צו די שקלאַווען.

מיסעס סטאָו איז געוואָרען בעריהמט איבער דער גאַנצער וועלט, און איהר נאָמען ווערט עד היום דערמאָנט מיט גרויס עהרע און ווירדע ביי אַלע מענשען, וועלכע ליעבען פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט.

די אידישע איבערזעצונג פון אָנקעל טאָם'ס קעבּין איז אַרויסגעגעבען געוואָרען אין אַ פּראַכט־אויסגאַבע. אַ גרויסע צאָהל בילדער קומען אין בוך אַריין, וועלכע שטעלען פאָר די פערזאָנען און די סצענעס, וועלכע ווערען דאָרטען געשילדערט, און דאָס מאַכט דעם בוך אויסערגעוועהנליך רייך און שעהן.

אַ פּראַכט־אויסגאַבע פון „אָנקעל טאָם'ס קעבּין" אין אַנדערע שפּראַ־כען קאָסט ניט װעניגער ווי 2 דאָלאַר. אונזער פּרייז פיר אַ פּראַכט־אויסגאַבע אין אידיש איז

בּלויז 1 דאָלאַר

(פּאָרטאָ פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

געקליבענע שריפטען

— פון —

אנטאָן טשעכאָוו

איבערזעצט פון לעאָן קאָברין

אין 4 פראַכטפאָלע בענדער

אינהאלט פערצייכנים פון די פיער בענדער:

1טער באַנד

1. די נקמה.
2. וואָס אן אַנגעקלאָגטער האָט דערצעהלט.
3. א בעקאַנטער מאַנספאַרשוין.
4. א גליקליכער מענש.
5. א רפואה געגען שכרות.
6. א טהעאַטער דירעקטאָר אונטער א זאָפע
7. די ענגלענדערין.
8. דער אויסרופונגס־צייכען.
9. דער רעדנער.
10. א קונסט־ווערק.
11. דער נצחון פון א זיעגער.
12. דער ממזר.
13. אן עלענדע בעשעפנים.
14. א טהייערער קינד.
15. אויס די שריפטען פון א אויפ־גערעגטען מענשען.
16. זומער געסט.
17. א רעטהזעלהאַפטע נאַטור.
18. דער טוידט פון א בעאַמטען.
19. די מכשפה.
20. נערווען.
21. דאָס איז געוועזן זי.
22. איבערגעזאָלצען.
23. איבעריגע מענשען.
24. דער שלעכטער אינגעל.
25. א מעשה מיט א שוהל־אינגעל.
26. א שריפטשטעלער.
27. אַן אונגעוועהנליכער מענש.
28. דער קרומער שפּיעגעל.
29. א פאַמיליען־פאָטער.
30. א גוטער סוף.
31. אין באָד 1.
32. אין באָד 2.
33. דאָס לעזען.
34. דער ערשטער ליעבהאָבער.
35. די פאַסירונג.
36. דער פאַססאַזשיר פון דעם ער־שטען קלאַס.
37. אונפאַרזיכטיגקייט.
38. דער קלוגער וועכטער.
39. די שטיוועל.

2טער באַנד

1. דער אנטלאָפענער.
2. א בלבול.
3. פינסטערניש.
4. לעבעדיגע סמנים.
5. דעם קאַפּיטאַן׳ס יוניפאָרם.
6. דער מאַן.
7. די פּאַלאַטע נומער זעקס.
8. אַן אונגליק.
9. די אַרומשפּרינגערקע.
10. אריאַדנאַ
11. גנבים
12. נו, פּובליקום!

3טער באַנד

1. די ליידענדע
2. די דאַמען
3. אין דער פּאָסט אבטהיילונג
4. ביים באַרבער
5. דער שפּיעגעל
6. די שכנים
7. דער אונטערזוכונגס־ריכטער
8. שונאים
9. די דאַמע מיט׳ן הינטעל
10. א צרה
11. ווייבער
12. א פאַל פון פּראַקטיק
13. וואָלאָדיא דער גרויסער און וואָ־לאָדיא דער קליינער
14. שטאַרקע געפיהלען
15. שווערע מענשען
16. אננא אויף דער האַלדז
17. א נערוועזער אַנפאַל
18. קליינינגקייטען פון לעבען

4טער באַנד

1. וואַנקאַ
2. שלאָפען ווילט זיך
3. אַניוטאַ
4. וואָס זי האָט דערצעהלט
5. דער געבורטס־טאָג
6. די פּויערים
7. וואַלאַדיאַ
8. נשמה׳ניו
9. אָהן א נאָמען
10. דער פּאָטער
11. קעסטניקעס
12. די אַפּטהעקערקע
13. דאָס ווייב
14. די מוהמע
15. די כאָריסטקע
16. די פאַרבלאָנדזשעטע
17. בענקעניש
18. אגרעסען

פּרייז בלויז 2 דאָלאַר

(פּאָרטאָ פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., NewYork.

א פּראַכט אויסגאַבע פון

גראַף לעאָ טאָלסטאָי'ס

געוועהלטע ווערקע

אין צוויי דיקע פּראַכטפאלע בענדער.

ענטהאַלטען פאָלגענדע ווערקע:

1. טאָלסטאָי'ס ביאָגראַפיע.
2. די קרייצער סאָנאַטאַ.
3. איך און מיין מאַן.
4. מיין פריינד'ס פרוי.
5. איוואַן איליאיטש'עס טויט.
6. צוויי דורות.
7. פּאָליקושקא.
8. אננא קארענינאַ.
9. דער נסיון.
10. די פערפיהרונג.
11. איוואַן דער נאַר.
12. מיין וידוי.
13. קריעג אין פריעדען.

גראַף טאָלסטאָי איז געווען דער גרעסטער רוסישער שרייבער און זיינע ווערק זיינען איבערזעצט געוואָרען אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכען און זיינען איבעראַל פערקויפט געוואָרען אין די מיליאָנען; עס איז כמעט ניטאָ איין ציוויליזירטער מענש, וואָס זאָל ניט האָבען געלעזען טאָלסטאָי'ס ווערק.

טאָלסטאָי'ס גרויסקייט ליעגט אין דעם, וואָס ער גיט איבער זיינע הויכע אידעאַלען און פילאָזאָפישע געדאַנקען אין אינטערעסאַנטע און שפּאַנענדע ראָמאַנען. און אַז מען לעזט זיינעם אַ ראָמאַן איז אויסער וואָס מען איז זעהר שטאַרק פעראינטערעסירט אין די ער־צעהלונג, לערנט מען אויך דערביי פיעלעס וועגען געוויסע פראַגען אין לעבען.

טאָלסטאָי'ס געוועהלטע ווערק זיינען געדרוקט אויף טהייערען פּאַפּיער און פּראַכטפּאָל געבונדען.

אַ פּראַכט־אויסגאַבע פון „טאָלסטאָי'ס געוועהלטע ווערק" אין אידיש איז אַ ציערונג צו האָבען אין הויז.

פּרייז בלויז 2 דאָלאַר

(פּאָרטאָ פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

געקליבענע שריפטען

פון דעם גרויסען רוסישען שרייבער

איוואן טורגעניעוו

איבערזעצט פון לעאָן קאָברין

אין 4 פּראַכטפאָלע בענדער.

אינהאלט פערצייכניס פון די פיער בענדער:

1טער באנד

1. אסיא
2. די ערשטע ליעבע
3. דער רופא
4. א צוזאמענקונפט
5. דער טאגע־בוך פון א איבעריגען מענשען

2טער באנד

1. פּאָעזיע און פּראָזא 1טער טהייל
2. פּאָעזיע און פּראָזא 2טער טהייל
3. צוויי פריינד
4. קלארא מיליטש

3טער באנד

1. מומו
2. וואלד און סטעפּע
3. דריי פּארטרעטען
4. אין א פערוואָרפענעם ווינקעל
5. דריי מאָל בעגעגענט
6. טוק... טוק... טוק

4טער באנד

1. טשערטאָפּכאנאָוו און נעדאָ־פּיוסקין.
2. טשערטאָפּכאנאָוו'ס סוף.
3. דער הונד
4. א הפקר מענש
5. א חלום
6. א לעבעדיג הייפעל ביינער
7. יאקאב פּאסינקאוו
8. אנדרעי קאלאסאוו

פּרייז בלויז 2 דאָלאר

(פּאָרטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., NewYork.

יעקב גאָרדין'ס ווערקע

אין 4 פראַכטפאָלע בענדער

די בעסטע פון זיינע ראָמאַנען, סקיצען, רייזע־בילדער, קריטי־קען, סאַטירעס, דראַמאַטישע און פילאָזאָפישע אָבהאַנדלונגען און פאַנטאַסטישע ערצעהלונגען, צוזאַמענגעקליעבען און קלאַסיפיצירט אונטער דער רעדאַקציאָן פון מאָררים ווינטשעווסקי. דאָס איז אַ זאַמלונג פון ווערק וואָס ווערט בעטראַכט אין דער גאַנצער וועלט אַלס די העכסטע, שעהנסטע און ערהאַבענסטע אין דער אידישער ליטעראַטור.

פרייז בלויז 2 דאָלאַר

(פּאָרטאָ פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

ש. פרוג'ס שריפטען

אין 3 פראכטפאָלע בענדער

א-זאמלונג פון אלע זיינע ליעדער, פאעמען און שריפטען וועלכע האָבען איהם בעריהמט געמאכט איבער דער גאנצער וועלט.

פרייז בלויז 2 דאָלאר

(פאָרטא פריי).

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

50-52 Eldridge St., New York.

א נייעס אין דער אידישער ליטעראטור!

עס איז ערשיענען אין אידיש א

געאָגראַפיע

—פון—

אלכסנדר האַרקאַווי.

איינגעטהיילט אין דריי אבטהיילונגען:

1. מאַטעמאַטישע געאָגראפיע
2. פיזישע געאָגראפיע
3. פאָליטישע געאָגראַפיע.

מאַטעמאַטישע געאָגראַפיע בעהאַנדעלט די ערד אַלס הימלישען קערפער. זי בעשרייבט איהר פאָרם, ווייזט אָן איהר גרויס און ערקלערט איהר בעוועגונג אין וועלט־רוים; זי לערנט, ווי די ערד איינצוטהיילען און ווי צו בעשטימען די לאַגע פון ערטער אויף איהר. די בעשרייבונגען און ערקלעהרונגען פון דיעזער אבטהיילונג פון געאָגראַפיע זיינען געגרינדעט אויף אַסטראָנאָמיע.

פיזישע געאָגראַפיע בעצייכענט די פערשיעדענע פאָרמען פון לאַנד און וואַסער, ווי די נאַטור האָט זיי געמאַכט: וועלט־טהיילען, אינזלען, בערג, טהאלען, ימים, טייכען א. ז. וו.; ערקלערט געאָלאָגישע ערשיינונגען, ווי ערד־ציטערניסען און אויפרייסונגען פון וואולקאַנען; שילדערט לופט ערשיינונגען: ווינטען, טומאַן, רעגען, שנעע, וועטער, קלימאַט, אָפשפיעגלונגען פון ליכט א. ז. וו. און בעשרייבט די פערשיעדענע מינים פלאנצען און חיות, וועלכע געפינען

זיך אויף דער ערד. דיעזע אבטהיילונג פון געאָגראַפיע בערוהט אויף נאַטור־וויסענשאַפט.

פּאָליטישע געאָגראַפיע בעשרייבט די ערד לויט איהר איינטהיילונג אין מדינות און גיט ידיעות וועגען נאַציאָנען, פעלקער, זייערע ציוויליזאציאָנען, רעליגיאָנען, בעשעפטיגונגען, פאָרמען פון רעגירונג א. ז. וו. דיעזע אבטהיילונג פון געאָגראפיע געהערט צו עטנאָגראַפיע אָדער פעלקער־בעשרייבונג.

וואס דער פערפאסער זאגט אין פארווארט צו דער „געאגראפיע":

אין אידיש זיינען שוין געשאַפען געוואָרען א שעהן ביסעל בעלעהרענדע ווערק פיר די נוצען פון אונזערע מאַסען ; אָבער עס איז אַ מערקווירדיגע זאַך : וועהרענד אונזער ליטעראַטור איז פערהעלטניסמעסיג רייך אין פערפאַסונגען איבער הויכע ענינים, ווי קולטור־געשיכטע, נאַטור־וויסענשאַפט, פילאָזאָפיע א. ז. וו., איז זי גאַנץ אָרים אין ווערק איבער עלעמענטאַרע (אָנפאנגס־) קענטניסע, וועלכע זיינען דער גרונד־שטיין פון בילדונג און א נויטהיגע פאָר־שטופע צו די דאָזיגע הויכע געגענשטענדע. בעזאָנדערס איז ביי אונז געבליבען לעדיג דער אָרט פיר געאָגראפיע, וועלכע איז פיעלייכט די וויכטיגסטע פון אלע עלעמענטאַרע ידיעות. אויסצופילען דיעזען לעדיגען אָרט אין אונזער בעלעהרענדער ליטעראטור ערשיינט דיעזעס ווערק : געאָגראַפיע אָדער בעשרייבונגען פון דער ערד.

אַרויסגעבען אַ געאָגראפיע אין אידיש איז געווען דער טרוים פון דעם פערפאסער זייט פיעלע יאָהרען און ער שעצט זיך יעצט איבער־גליקליך, וואָס דיעזער חלום זיינער איז ענדליך פערווירקליכט געוואָרען, ער האָפט אַז דיעזעס ווערק וועט געפינען אַ גרויסע פערברייטונג צווישען אונזערע מאַסען, וועלכע נויטהיגען זיך אַזוי שטאַרק אין די ידיעות, וואָס ווערען אין איהם געגעבען.

די געאָגראַפיע ענטהאַלט אַ גרויסע צאָהל צייכנונגען, בילדער און מאַפּס מיט ערקלעהרונגען, איז געדרוקט אויף דעם בעסטען, שעהנסטען און טהייערסטען פּאַפּיער און געבונדען אין צוויי עקסטראַ שעהנע פראַכט־בענדער.

פּרייז בלויז 2 דאלאר

(פּאָרטא פריי)

HEBREW PUBLISHING CO., 50-52 Eldridge St., New York.